NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04961

HUMESH MAYSES FAR KINDER

Aaron Bromberg

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Harold & Eve Marcus
in memory of
Annette Golub Marcus

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א. בראַמבערג

חומש מעשות

פֿאַר קינדער

צווייטע אויפֿלאַגע

אַרויסגעגעבן פֿון
בילדונגס־אָפּטיילונג פֿון אַרבעטער־רינג

A. Bromberg

BIBLE STORIES

Copyright 1956
by the
Educational Department
of the
Workmen's Circle
New York, N. Y.

Printed in U.S.A.

LOCAL No. 1 AMALGAMATED LITHOGRAPHERS OF AMERICA NEW YORK 281

הקדמה

„חומש־מעשׂות פֿאַר קינדער״ ווערט אַרויסגעגעבן שוין נאָכן טויט פֿון דעם מחבר, אונדזער אומפֿאַרגעסלעכן פֿרײַנד און חבֿר אהרן בראַמבערג ע״ה. דער איצטיקער נוסח פֿון די קורצע און גרינגע מעשׂיות, וואָס זיי נעמען אַרום דעם חומש בראשית, איז אַ רעזולטאַט פֿון גאַנצע צען יאָר אויספּרואוון זיי בײַם לערנען. אונדזער פֿאַרשטאָרבענער פֿרײַנד האָט די מעשׂיות צונויפֿגעשטעלט נאָך מיט יאָרן צוריק און ער האָט אַליין מיט זיין וואונדערלעכן כּתבֿ זיי געשריבן אויף שטענצלען. אין מימעאָגראַפֿירטער פֿאָרעם האָט דער פֿאַרשטאָרבענער לערער־קינסטלער די מעשׂיות געניצט פֿריִער אין ניו־יאָרק (אין דער אַרבעטער־רינג־שול 14) און דערנאָך אין סיראַקיוז (אין דער פֿאַראייניקטער ייִדישער שול פֿון דער קהילה). ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו דעם ווי די קינדער רעאַגירן ניט בלויז אויף דער עצם מעשׂה, נאָר אויף יעדער אויסדרוק באַזונדער. ער האָט געציטערט איבער איטלעך וואָרט, איבער יעטוועדער גראַמאַטישער און סטיליסטישער פֿאָרעם. און ער האָט דערבײַ כּסדר אַרײַנגעבראַכט תּיקונים און פֿאַרגרינגערונגען אין דעם נוסח פֿון די מעשׂיות. בכן האָבן מיר איצט פֿאַר זיך אַזאַ אופֿן דערציילן די מעשׂיות וואָס איז אַ סך מאָל אויסגעפּרואווט און אויסגעבעסערט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון לערערשער דערפֿאַרונג.

עס איז אויסגעקומען צו זען ווי אַזוי קינדער נעמען אויף די פּשוט איבערגעגעבענע מעשׂיות פֿון חומש. עס איז אויסגעקומען צו פֿילן ווי אַזוי קינדער רופֿן זיך אָפּ אויף דעם אינהאַלט און דער פֿאָרעם פֿון די מעשׂיות. דעריבער איז עס ניט סתּם לויבווערטער: די מעשׂיות זײַנען אַ גרויסער צושטײַער פֿאַר אונדזער שול; זיי ברענגען אַרײַן

לעבן און פֿרייד אין די קלאַסן. — עס איז אַזוי! דער צוריקגעהאַל־טענער נחבא אל הכלים פֿון לערערס, אונדזער טײַערער אהרן בראַמ־בערג האָט דאָ אַרויסגעוויזן זייער אַ סך קענטעניש פֿון קינדס געמיט אין דעם אָפּקלײַב וואָס ער האָט געמאַכט, און פֿײַנעם טאַקט פֿון אַ סטיליסט אין דעם נוסח וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט. איך בין אַן עדות פֿון קינדערשער פֿרייד און פֿון לערערשן נחת בײַם לערנען די מעשׂיות. זאָל ניט ווייניקער פֿרייד און ניט ווינציקער נחת באַשערט זײַן די וואָס וועלן בראַמבערגס „חומש־מעשׂות פֿאַר קינדער״ אַרײַנ־ברענגען אין זייערע קלאַסן. זיי פֿאַרמאָגן די פּשטות וואָס פֿאַרכאַפּט, די גרינגקייט וואָס איז נויטווענדיק, די נאָענטקייט צום חומש וואָס איז אַ נאַטירלעך געבאָט און אַ ליטעראַרקייט וואָס קוואַלט אַרויס פֿון דעם איבערדערציילערס פּערזענלעכן געמיט.

אהרן בראַמבערג ע״ה איז געווען אַ פּיאָנער. ער איז געווען איינער פֿון די סאַמע ערשטע לערערס פֿון דער ייִדישער שול אויף דעם קאָנטינענט, אַ לערער און אַ מיטבויער פֿון דער ייִדישער שול אין טאָראָנטאָ, איינער פֿון די ערשטע ייִדיש־וועלטלעכע שולן אין צפֿון־אַמעריקע. גאַנצע 42 יאָר, אזש ביזן טאָג פֿון פֿריצײַטיקן טויט, איז ער געווען לערער פֿון ייִדישע קינדער, לערער־דערציִער, לערער־באַווירקער, לערער־שאַפֿער. ער האָט במשך פֿון דעם גאַנצן לערערשן לעבן זײַנעם קיין מאָל ניט גערוט, נאָר תּמיד געשטרעבט צו דעם וואָס איז בעסער, טיפֿער, בלײַביקער. ער איז געווען דער שעפֿערישער לערער וואָס קומט כּסדר מיט נײַע מאַטעריאַלן, וואָס האַלט אָן אויפֿהער אין מאַנען פֿון זיך און וואָס בלײַבט ניט פֿאַרגליווערט אויף אַ דער־גרייכטן שטאַפּל. פֿון דעם גאַנצן עזבֿון זײַנעם קענען מיר אָבער אַרויסנעמען ווי אַ דענקמאָל נאָר איין סעריע — ברענגען מיר דערי־בער אָט די „חומש־מעשׂות״. מיר מיינען אַז דאָס איז דאָס ווער־טיקסטע און דאָס וועט העלפֿן אויף אַ חשובֿן אופֿן צו פֿאַראייביקן דעם נאָמען פֿון אַ וואונדערלעכן ייִדישן לערער.

און דערצו נאָך וועט דאָך עס זײַן אַ נײַ און אַ גוט לערנבוך אַן ערך פֿאַר דער צווייטער העלפֿט פֿון צווייטן לערניאָר אָדער אָנהייב דריטן לערניאָר. אַפֿילו אין די שולן וואָס לערנען שפּעטער דעם חומש

אין אָריגינאַל, זײַנען בראַמבערגס „חומש־מעשׂות פאַר קינדער" אַ גייטיקער און שיינער פּרוזדור. און אויך אין די שולן וואו מע לערנט דעם „חומש פאַר קינדער" על־פּי יהואָשעס איבערזעצונג, איז בראַמ־בערגס בוך אַ ניצלעכע התחלה. עס איז דאָך ניט גענוג יוצא צו זײַן בלויז מיטן דערציילן בעל־פּה די חומש־מעשׂיות. מע דאַרף געבן טעקסטן אין די הענט פון די קינדער; איז שווער צו דערגרייכן אַ גרינגערן און דערבײַ האַרציקערן נוסח, ווי אהרן בראַמבערג ע"ה האָט עס אַזוי שיין דערגרייכט.

אין דעם צרור־החיים, אין דעם אייביקן לעבנס־אַל, בינדט זיך אַרײַן די נשמה פון דעם פײַנעם, אידעלן, האַרציקן לערער אהרן בראַמבערג ז"ל — דורכן באַהעפטן מיט חומש, מיט יידיש, מיט קינ־דערשע הערצער וואָס וועלן אײַנזאַפּן אין זיך די אייביק יונגע מעשׂיות אין דער געשטאַלט וואָס אונדזער פרײַנד האָט זיי אויסגעפורעמט.

יודל מאַרק

ניו־יאָרק, חשוון, תשי"ד.

אָדם און חַוה

דער ערשטער מענטש אויף דער וועלט איז געוועזן אָדם. און אָדם איז געוועזן איינער אַליין. קיין אַנדער מענטש איז ניט געוועזן אויף דער וועלט. איז אָדם געוועזן זייער טרויעריק.

איין מאָל איז אָדם געשלאָפֿן. האָט גאָט אַרויסגענו־מען אַ ריפּ פֿון אָדמס לײַב און געמאַכט פֿון דעם אַ פֿרוי.

און גאָט האָט געבראַכט די פֿרוי צו אָדמען. און אָדם האָט געזאָגט:

דאָס איז אַ ביין פֿון מײַנע ביינער
און פֿלייש פֿון מײַן פֿלייש.

אָדם האָט זיך שטאַרק געפֿרייט מיט דער פֿרוי און זי גערופֿן חוה. אָדם האָט ליב געהאַט חוהן און זי האָט אים געבוירן קינדער.

דער גַן־עֵדֶן

אָדם און חוה האָבן געלעבט אין גן־עדן, אין גאָרטן פֿון גן־עדן.

אין גן־עדן זײַנען געוואַקסן אַלערליי ביימער, שיינע ביימער מיט זיסע פֿרוכטן.

אין מיטן גאָרטן זײַנען געוואַקסן צוויי ביימער: דער בוים פֿון לעבן און דער בוים פֿון וויסן.

און גאָט האָט געזאָגט צו אָדמען: דו מעגסט עסן פֿון אַלע ביימער, אָבער דו טאָרסט ניט עסן די פֿרוכט פֿון בוים פֿון וויסן, ווײַל אין דעם טאָג וואָס דו וועסט עסן זײַנע פֿרוכט וועסטו שטאַרבן.

און אָדם און חוה זײַנען אַרומגעגאַנגען נאַקעטע אין גן־עדן, ווײַל זיי האָבן ניט געוואוסט אַז זיי דאַרפֿן זיך שעמען.

די שלאַנג

אין גן־עדן זײַנען געווען אַלערליי חיות. און די שלאַנג איז געווען פֿאַלשער פֿון אַלע חיות.

האָט די שלאַנג צוגערעדט חווהן אַז זי זאָל עסן די פֿרוכט פֿון בוים פֿון וויסן.

און חוה האָט אָפּגעריסן אַ פֿרוכט פֿון דעם בוים פֿון וויסן, און די פֿרוכט איז געווען זייער שיין.

האָט חוה געגעסן די פֿרוכט פֿון בוים פֿון וויסן, און האָט אויך געגעבן אָדמען, און ער האָט געגעסן.

און זייערע אויגן האָבן זיך געעפֿנט, און זיי האָבן געוואוסט אַז זיי זײַנען נאַקעט און זיי האָבן זיך געשעמט.

האָבן אָדם און חוה זיך אויפֿגענייט גאַרטלען פֿון פֿײַגן־בלעטער און זיי אָנגעטאָן.

אדם און חוה באַהאַלטן זיך

און אָדם און חוה האָבן געהערט גאָטס קול אין גן־עדן. האָבן זיך אָדם און חוה באַהאַלטן צווישן די ביי־מער אין גאָרטן.

און גאָט האָט גערופֿן:

אָדם, וואו ביסטו?

און אָדם האָט געענטפֿערט:

איך האָב געהערט דײַן קול אין גאָרטן, און איך האָב זיך באַהאַלטן ווײַל איך בין נאַקעט.

האָט גאָט געזאָגט:

ווער האָט דיר געזאָגט אַז דו ביסט נאַקעט? האָסטו געגעסן פֿון בוים פֿון וויסן?

האָט אָדם געזאָגט:

די ווײַב וואָס דו האָסט מיר געגעבן האָט מיר געגעבן די פּרוכט, און איך האָב געגעסן.

האָט גאָט געזאָגט צו חוהן:

וואָס האָסטו געטאָן?

האָט חוה געענטפֿערט:

די שלאַנג האָט מיך צוגערעדט, און איך האָב גע־געסן.

אַרויסגעטריבן פון גן־עדן

אונ גאָט האָט געזאָגט צו דער שלאַנג:

ווײַל דו האָסט צוגערעדט חוהן אַז זי זאָל עסן פון בוים פון וויסן, זאָלסטו גיין אויפן בויך. און איך וועל מאַכן אַ פֿײַנטשאַפֿט צווישן דיר און דעם מענטש. ער וועט דיך טרעטן אויף דעם קאָפּ און דו וועסט אים בײַסן אין פוס.

און צו חוהן האָט גאָט געזאָגט:

דו וועסט מיט ווייטיקן געבערן קינדער.

און צו אָדמען האָט גאָט געזאָגט:

ווײַל דו האָסט מיך ניט געפֿאָלגט און האָסט געגעסן פֿון בוים פֿון וויסן, וועסטו מיטן שווייס פֿון דײַן פּנים עסן ברויט און וועסט שווער אַרבעטן אַלע טעג פֿון דײַן לעבן.

און גאָט האָט געמאַכט פֿאַר אָדמען און חוהן העמד־לעך פֿון פֿעל און האָט זיי באַקליידט.

און גאָט האָט אַרויסגעטריבן די מענטשן פֿון גן־עדן און זיי געשיקט צו באַאַרבעטן די ערד.

קין און הבֿל

דאָס עלטסטער זון האָט געהייסן קין. איר צווייטער זון האָט געהייסן הבֿל.

קין איז געווען אַן ערד־אַרבעטער. הבֿל איז געווען אַ פּאַסטעך פֿון שעפּסן.

האָבן קין און הבֿל געבראַכט מתּנות צו גאָט. קין האָט געבראַכט פּרוכטן און הבֿל האָט געבראַכט די בעסטע פֿון זײַנע שעפּסן.

האָט גאָט צוגענומען הבֿלס מתּנה, און קינס מתּנה האָט ער ניט צוגענומען.

האָט עס קינען שטאַרק פֿאַרדראָסן און ער איז בייז געוואָרן אויף זײַן ברודער הבֿל.

קין טייט הבֿלן

איין מאָל זײַנען בײדע ברידער געווען אין פֿעלד. איז אויפֿגעשטאַנען קין און דערשלאָגן צום טויט הבֿלן.

האָט זיך דערהערט גאָטס קול:

קין, וואו איז דײַן ברודער?

האָט קין געענטפֿערט:

איך ווייס ניט. בין איך דען דער היטער פֿון מײַן ברודער?

האָט גאָט געזאָגט:

קין, וואָס האָסטו געטאָן? דײַן ברודערס בלוט שרײַט דאָך צו מיר פֿון דער ערד. זאָל די ערד זײַן פֿאַרשאָלטן, וואָס זי האָט געטרונקען דײַן ברודערס בלוט.

און גאָט האָט פֿאַרשאָלטן קינען, אַז ער זאָל זײַן גאַנץ לעבן וואַנדערן איבער דער ערד און ער זאָל קיין רו ניט געפֿינען.

און גאָט האָט געמאַכט אַ צייכן בײַ קינען אויפֿן שטערן אַז קיינער זאָל אים ניט טשעפּען.

נ ח

אין יענער צײַט זײַנען שוין געווען אַ סך מענטשן אויף דער ערד. און די מענטשן זײַנען געווען שלעכטע.

נאָר איין מענטש איז געווען אַ גוטער. דער גוטער מענטש האָט געהייסן נח.

און גאָט איז בייז געוואָרן אויף די מענטשן. און עס האָט אים פֿאַרדראָסן וואָס ער האָט זיי באַשאַפֿן.

און גאָט האָט געזאָגט צו נחן:

די מענטשן זײַנען זייער שלעכט און איך וועל זיי אַלע אומברענגען. איך וועל ברענגען אַ מבול אויף דער ערד, און איך וועל זיי דערטרינקען. אָבער דו, נח, ביסט אַן ער־לעכער און אַ גוטער, און איך וועל דיך לאָזן לעבן.

בוי זיך אויף אַ גרויסן קאַסטן, אַ תּיבֿה, און שמיר אים אויס מיט פּעך. און גיי אַרײַן אין תּיבֿה מיט דײַן ווײַב און דײַנע קינדער. און פֿון אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן זאָלסטו אַרײַננעמען צו צוויי, אַן ער און אַ זי פֿון יעדן מין.

און נח האָט גענומען בויען דעם קאַסטן, די תּיבֿה.

די תּיבֿה

און נח האָט געטאָן ווי גאָט האָט אים געהייסן. און נח האָט אויפֿגעבויט די תּיבֿה און זי אויסגעשמירט מיט פּעך.

און נח האָט אַרײַנגענומען אין תּיבֿה צו צוויי פֿון אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן. און נח, און זײַן ווײַב און קינדער זײַנען אויך אַרײַן אין דער תּיבֿה.

און עס האָבן זיך געעפֿנט אַלע קוואַלן פֿון דער ערד, און די פֿענצטער פֿון הימל האָבן זיך געעפֿנט. און דער רעגן האָט געגאָסן פֿערציק טעג און פֿערציק נעכט, און דאָס וואַסער האָט באַדעקט די גאַנצע ערד. און אַלע מענטשן, חיות און פֿייגל זײַנען אומגעקומען אין מבול.

נאָר די לעבעדיקע באַשעפֿענישן וואָס זײַנען געווען מיט נחן אין תּיבֿה זײַנען געבליבן לעבן.

און די וואַסערן האָבן זיך געשטאַרקט אויף דער ערד הונדערט און פֿופֿציק טעג.

דער מבול לאָזט אָפּ

און גאָט האָט געדענקט אין נחן און אין אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן אין דער תּיבֿה.

און עס זײַנען פֿאַרשטאָפּט געוואָרן אַלע קוואַלן און די פֿענצטער פֿון הימל האָבן זיך פֿאַרמאַכט. און די וואַסערן האָבן געהאַלטן אין איין אָפּטרעטן פֿון דער ערד.

און נח האָט געעפֿנט דאָס פֿענצטער פֿון דער תּיבֿה און האָט אַרויסגעשיקט די טויב. און די טויב האָט זיך אומגעקערט צוריק, ווײַל דאָס וואַסער האָט נאָך צוגעדעקט די ערד.

האָט נח געוואַרט זיבן טעג, און ער האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב. און די טויב איז געקומען צוריק אין אָוונט און זי האָט געבראַכט אַן אײלבערט־בלאַט אין שנאָבל.

האָט נח געוואוסט אַז דאָס וואַסער איז אָפּגעפֿאַלן פֿון דער ערד.

נאָכן מבול

און נח האָט געוואַרט נאָך זיבן טעג און האָט ווידער אַרויסגעשיקט די טויב און זי איז מער ניט געקו־מען צוריק.

און נח האָט אַראָפּגענומען דעם דעק פֿון דער תּיבֿה, און ער האָט געזען אַז די ערד איז טרוקן.

און גאָט האָט געזאָגט צו נחן:

גיי אַרויס פֿון דער תּיבֿה, דו און דײַן ווײַב, און דײַנע זין, און די ווײַבער פֿון דײַנע זין. און לאָז אַרויס פֿון דער תּיבֿה אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן וואָס זײַנען מיט דיר.

איז אַרויסגעגאַנגען נח און זײַנע זין, און די ווײַבער פֿון זײַנע זין, און אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן וואָס זײַנען געווען אין תּיבֿה.

און גאָט האָט געזאָגט:

איך וועל מער נישט פֿאַרשעלטן די ערד, ווען דער מענטש איז שלעכט. איך וועל מער נישט ברענגען קיין מבול אויף דער ערד.

און גאָט האָט אַרײַנגעשטעלט דעם רעגנבויגן אין וואָלקן צו דערמאָנען אים אין זײַן צוזאָג.

אַבֿרהם

און די ערד איז ווידער פֿול געווען מיט מענטשן. און די מענטשן זיַינען געווען צעטיילט אין פֿעלקער.

אין דער שטאָט חרן האָט געלעבט אַ מאַן מיטן נאָמען אַבֿרהם.

און גאָט האָט געזאָגט צו אַבֿרהמען:

גיי דיר אַוועק פֿון דיַין לאַנד און פֿון דיַין פֿאָטערס הויז צו דעם לאַנד וואָס איך וועל דיר וויַיזן. און איך וועל דיך מאַכן פֿאַר אַ גרויס פֿאָלק, און איך וועל דיך בענטשן.

און אַבֿרהם האָט גענומען זיַין וויַיב שׂרה, און זיַין ברודערס זון לוט, און זייער גאַנץ פֿאַרמעגן און איז אַוועק אין לאַנד כּנען.

אַבֿרהם און לוט

אַבֿרהם און לוט זײַנען געוואָרן רײַך אין שאָף און רינדער, אין זילבער און גאָלד.

און דאָס לאַנד האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן זיי ביידע. און אַבֿרהמס פּאַסטעכער האָבן זיך געקריגט מיט לוטס פּאַסטעכער.

און אַבֿרהם האָט געזאָגט צו לוטן :

עס דאַרף ניט זײַן קיין קריג צווישן מיר מיט דיר — מיר זײַנען דאָך אייגענע מענטשן. לאָמיר זיך צעשיידן.

און לוט האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און געזען די געגנט פֿון ירדן אַז זי איז באַוואַסערט. און לוט האָט אויסגעקליבן די געגנט פֿון ירדן.

און אַבֿרהם און לוט האָבן זיך צעשיידט : אַבֿרהם האָט זיך באַזעצט אין לאַנד כּנען, און לוט האָט זיך באַזעצט אין די שטעט לעבן טײַך ירדן.

און לוטס געצעלטן האָבן זיך געצויגן ביז דער שטאָט סדום.

אַבֿרהם און דער מלך פֿון סדום

און דער מלך פֿון עילם האָט געהאַלטן מלחמה מיט דעם מלך פֿון סדום..

און דער מלך פֿון עילם האָט גענומען די שטאָט סדום און אַוועקגעפֿירט דאָס גאַנצע גוטס פֿון סדום. און אויך לוטן און זײַן גוטס האָט ער אַוועקגעפֿירט.

און אַבֿרהם האָט זיך דערוואוסט אַז דער מלך פֿון עילם האָט געפֿאַנגען זײַן ברודערס זון. האָט אַבֿרהם צו־זאַמענגענומען זײַנע מענטשן, דרײַ הונדערט מיט אַכצן מענער, און נאָכגעיאָגט דעם מלך פֿון עילם.

און ער האָט זיי דעריאָגט און זיי געשלאָגן און גע־בראַכט צוריק זײַן ברודערס זון לוט, זײַן גוטס און אויך דאָס גאַנצע גוטס פֿון סדום.

און דער מלך פֿון סדום האָט געזאָגט צו אַבֿרהמען:

גיב מיר די מענטשן און נעם זיך דאָס גוטס.

און אַבֿרהם האָט געזאָגט:

איך שווער אַז איך וועל נישט נעמען אַפֿילו קיין פֿאָ־דעם, אַפֿילו קיין שוך־בענדל, וואָס איז דײַנס, און זאָג ניט: — 'איך האָב רײַך געמאַכט אַבֿרהמען'. נאָר די מענטשן וואָס זײַנען געגאַנגען מיט מיר מעגן נעמען זייער חלק.

די לײַט פֿון סדום

און די מענטשן פֿון סדום זײַנען געווען זייער שלעכט. אַז אַ פֿרעמדער איז געקומען קיין סדום, האָט מען אים ניט אַרײַנגעלאָזט אין קיין הויז און מען האָט אים געפּײַניקט.

און גאָט האָט געזען, ווי שלעכט עס זײַנען די לײַט פֿון סדום, און גאָט האָט באַשלאָסן צו צעשטערן די שטאָט.

און גאָט האָט געזאָגט: זאָל איך באַהאַלטן פֿון אַבֿרהמען וואָס איך וויל טאָן מיט סדום?

און גאָט האָט געזאָגט צו אַבֿרהמען: דאָס שלעכטס פֿון סדום איז זייער גרויס, און איר זינד איז שווער — איך וועל זי צעשטערן.

און אַבֿרהם האָט געפֿרעגט:

וועסטו אומברענגען דעם צדיק צוגלײַך מיטן רשע? אפֿשר זײַנען דאָ אין סדום פֿופֿציק צדיקים אָדער פֿערציק, אָדער אַפֿילו צען — וועסטו אַלץ צעשטערן די שטאָט און וועסט, חלילה, אומברענגען די גוטע צוזאַמען מיט די שלעכטע? וועט דער ריכטער פֿון דער גאַנצער ערד ניט טאָן קיין גערעכטיקייט?

און גאָט האָט געזאָגט: איך וועל ניט צעשטערן די שטאָט, ווען עס וועלן דאָרט זײַן צען צדיקים.

צוויי מלאָכים קומען קיין סדום

און צוויי מלאָכים זײַנען געקומען קיין סדום. און לוט איז געזעסן אין טויער פֿון שטאָט. האָט לוט זיי געזען און זיי פֿאַרבעטן אין הויז.

האָבן די מענטשן פֿון סדום זיך דערוואוסט אַז צוויי פֿרעמדע זײַנען בײַ לוטן אין הויז. האָבן זיי אַרומגערינגלט דאָס הויז און געשריִען אַז לוט זאָל זיי אַרויסגעבן די פֿרעמ־דע. איז לוט אַרויס צו די מענטשן פֿון סדום און זיך גע־בעטן:

טשעפּעט ניט די צוויי פֿרעמדע, ווײַל זיי זײַנען מײַנע געסט.

זײַנען די מענטשן פֿון סדום געוואָרן בייז און גע־שריִען:

זעט נאָר, איינער איז געקומען דאָ וואוינען, און ער לערנט אונדז גערעכטיקייט.

און די מענטשן פֿון סדום האָבן געוואָלט שלאָגן לוטן און צעברעכן די טיר.

האָבן די צוויי מלאָכים אַרײַנגעשלעפּט לוטן אין הויז און פֿאַרשלאָסן די טיר. און די צוויי מלאָכים האָבן געשלאָגן מיט בלינדקייט די מענטשן וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום הויז. און זיי האָבן מער ניט געקאָנט געפֿינען די טיר.

סדום ווערט צעשטערט

און די מלאָכים האָבן געזאָגט צו לוטן: פֿיר אַרויס פֿון שטאָט אַלע דײַנע אייגענע, ווײַל מיר צעשטערן דאָס אָרט איבער דעם שלעכטס פֿון די מענטשן.

און לוט איז אַוועק צו זײַנע איידעמס און געזאָגט: שטייט אויף, לויפֿט פֿון דאַנען, ווײַל גאָט צעשטערט די שטאָט. האָבן די איידעמס ניט געוואָלט אים גלייבן און זיי זײַנען געבליבן אין סדום.

אין דער פֿרי האָבן די מלאָכים געזאָגט צו לוטן:

נעם דײַן ווײַב און דײַנע טעכטער וואָס זײַנען מיט דיר, און לויפֿט פֿון דאַנען, אַניט וועט איר אומקומען.

און לוט האָט זיך געזאַמט. האָבן די מלאָכים גענומען פֿאַר די הענט אים, זײַן ווײַב און זײַנע צוויי טעכטער און זיי אַרויסגעפֿירט פֿון שטאָט.

און די מלאָכים האָבן געזאָגט: ראַטעוועט זיך, קוקט ניט הינטער זיך, אַניט וועט איר אומקומען. און לוט, זײַן ווײַב און זײַנע טעכטער האָבן אָנגעהויבן לויפֿן.

און גאָט האָט אַראָפּגעלאָזט אויף סדום אַ פֿײַער פֿון הימל. און סדום איז איבערגעקערט געוואָרן, און אַלע אירע אײַנוואוינערס זײַנען אומגעקומען.

און לוטס ווײַב האָט זיך אויסגעדרייט אַ קוק צו טאָן אויף סדום, און זי איז געוואָרן אַ שטיק זאַלץ.

אַבֿרהם נעמט אויף געסט

אַבֿרהם און זײַן װײַב שׂרה זײַנען שוין געװען אַלטע לײַט. אַבֿרהם איז געװען אַלט הונדערט יאָר און שׂרה — נײַנציק. און שׂרה האָט ניט געהאַט קיין קינדער.

עס איז געװען אַ הייסער טאָג און אַבֿרהם איז געזעסן אין אַרײַנגאַנג פֿון זײַן געצעלט. און אַבֿרהם האָט אויפֿגע־הויבן זײַנע אויגן און געזען שטיין דרײַ מענטשן.

איז אַבֿרהם געלאָפֿן, זיך געבוקט צו זיי און געזאָגט:

איך בעט אײַך, גייט ניט אַװעק פֿון דאַנען. אָט גיט מען אײַך װאַסער, װעט איר זיך װאַשן די פֿיס און זיך אַ ביסל אָפּרוען אונטערן בוים. און איך װעל דערװײַל אײַך ברענ־גען עסן און נאָכן עסן װעט איר זיך גיין אויף אײַער װעג.

און די מענטשן האָבן געזאָגט: טו װי דו האָסט גע־רעדט.

און אַבֿרהם און שׂרה האָבן אויף גיך געמאַכט עסן פֿאַר זייערע געסט. און אַבֿרהם האָט באַדינט זײַנע געסט אונטער דעם בוים, און זיי האָבן געגעסן.

און זיי האָבן אים געפֿרעגט: װאו איז דײַן װײַב שׂרה? און אַבֿרהם האָט געזאָגט: זי איז אין געצעלט.

און זיי האָבן געזאָגט: מיר װעלן דאָ זײַן איבער־אַ־יאָר אין דער צײַט, און שׂרה װעט האָבן אַ זון.

יצחק

און גאָט האָט געדענקט אין שׂרהן און זי האָט געבאָרן אַבֿרהמען אַ זון אויף דער עלטער.

און זי האָט געזאָגט:

גאָט האָט מיט מיר געמאַכט אַ געלעכטער; ווער עס וועט דאָס הערן וועט לאַכן, ווײַל ווער וואָלט זיך דאָס געריכט אַז איך וועל געבערן אַ זון אויף דער עלטער.

און אַבֿרהם האָט אַ נאָמען געגעבן דעם זון, וואָס שׂרה האָט אים געבאָרן, יצחק.

און דאָס קינד איז געוואַקסן און איז אַנטוווינט געוואָרן. און אַבֿרהם האָט געמאַכט אַ גרויסן מאָלצײַט אין טאָג ווען יצחק איז אַנטוווינט געוואָרן.

און גאָט האָט געזאָגט צו אַבֿרהמען:

איך וועל דיך בענטשן, און איך וועל מערן דײַנע קינדער ווי די שטערן אין הימל און ווי זאַמד אויפֿן ברעג ים.

שׂרה שטאַרבט

און שׂרה האָט געלעבט הונדערט און זיבן און צוואַנציק יאָר.

און שׂרה איז געשטאָרבן אין דער שטאָט חבֿרון, אין לאַנד כּנען. און אַבֿרהם האָט באַוויינט שׂרהן און זי באַקלאָגט.

און אַבֿרהם איז אויפֿגעשטאַנען און אַוועק צום טויער פֿון דער שטאָט חבֿרון, זיך געבוקט פֿאַר דעם פֿאָלק און געזאָגט:

איך בין געקומען אַהער אַ פֿרעמדער, און וואוין שוין דאָ מיט אײַך לאַנגע יאָרן. פֿאַרקויפֿט מיר אַ פּלאַץ פֿאַר קבֿרים און איך וועל באַגראָבן מײַן טויטן.

האָבן די מענטשן געזאָגט:

דו ביסט אַ געטלעכער פּרינץ בײַ אונדז. קלײַב זיך אויס דעם בעסטן קבֿר און באַגראָב דײַן טויטן.

די הייל פֿון מכפּלה

און אַבֿרהם איז אויפֿגעשטאַנען און געזאָגט צום פֿאָלק:

אויב איר ווילט מיר העלפֿן, בעט פֿאַר מיר בײַ עפֿרונען, אַז ער זאָל מיר פֿאַרקויפֿן פֿאַרן פֿולן געלט די הייל פֿון מכפּלה, וואָס איז אין עק פֿון זײַן פֿעלד, פֿאַר אַ פּלאַץ פֿאַר קבֿרים.

און עפֿרון איז דאָרט געזעסן און האָט געזאָגט: פֿאַר די אויגן פֿון מײַן פֿאָלק שענק איך דיר אַוועק דאָס פֿעלד און די הייל, און באַגראָב דאָרט דײַן טויטן.

און אַבֿרהם האָט זיך ווידער געבוקט פֿאַר דעם פֿאָלק און גערעדט צו עפֿרונען:

איך בעט דיך, איך וויל ניט אומזיסט. נעם בײַ מיר דאָס געלט פֿאַר דעם פֿעלד.

און אַבֿרהם האָט אָפּגעוואויגן פֿיר הונדערט שקל זילבער און אָפּגעקויפֿט דאָס פֿעלד.

און אַבֿרהם האָט באַגראָבן זײַן ווײַב שׂרה אין דער הייל פֿון מכפּלה, אין חבֿרון, אין לאַנד כּנען.

אַבֿרהם באַשווערט אליעזרן

און אַבֿרהם איז געוואָרן אַלט און גאָט האָט געבענטשט אַבֿרהמען מיט אַלץ.

און אַבֿרהם האָט געזאָגט צום עלטסטן פֿון זײַנע דינערס, צו אליעזרן:

שווער מיר, אַז דו וועסט ניט נעמען קיין ווײַב פֿאַר מײַן זון פֿון די טעכטער פֿון דעם לאַנד. נאָר דו וועסט גיין צו מײַן געבוירן־אָרט און פֿון דאָרט וועסטו נעמען אַ ווײַב פֿאַר מײַן זון, פֿאַר יצחקן.

און אליעזר האָט געפֿרעגט: און וואָס וועט זײַן, אַז די פֿרוי וועט ניט וועלן פֿאַרלאָזן איר היים? זאָל איך נע־מען דײַן זון אַהין?

און אַבֿרהם האָט געזאָגט: אויב די פֿרוי וועט ניט וועלן גיין אַהער, אין לאַנד כנען, וועסטו פֿרײַ זײַן פֿון דײַן שבֿועה, נאָר מײַן זון זאָלסטו אַהין ניט נעמען.

און אליעזר האָט געשוואָרן ווי אַבֿרהם האָט אים גע־הייסן.

און אליעזר האָט גענומען צען קעמלען און אַ סך גוטס פֿון זײַן האַר און איז אַוועק צו אַבֿרהמס געבוירן־אָרט זוכן אַ ווײַב פֿאַר יצחקן.

בײַם קוואַל

און אליעזר איז געקומען צו אַבֿרהמס געבוירן־שטאָט. און ער איז געבליבן שטיין מיט די קעמלען הינטער דער שטאָט בײַם קוואַל.

עס איז געווען פֿאַרנאַכט, און די מיידלעך פֿון שטאָט זײַנען אַרויס שעפּן וואַסער.

און אליעזר האָט געבעטן:

גאָט פֿון מײַן האַר אַבֿרהם, טו הײַנט אַ חסד מיט מײַן האַר. אָט שטיי איך איצט בײַם קוואַל, און די טעכטער פֿון שטאָט קומען אַרויס שעפּן וואַסער.

און עס וועט זײַן, ווען איך וועל זאָגן צו אַ מיידל: ׳איך בעט דיך, בייג אײַן דײַן קרוג, און איך וועל טרינקען׳.

און זי וועט זאָגן:

׳טרינק, און אויך דײַנע קעמלען וועל איך אָנטרינקען׳, וועל איך וויסן, אַז דו האָסט זי באַשערט פֿאַר מײַן האַרס זון, פֿאַר יצחקן.

רבֿקה

און אליעזר האָט נאָך ניט געענדיקט רעדן, און עס קומט אָן זייער אַ שיין מיידל מיט אַ קרוג אויפֿן אַקסל. דאָס איז געווען רבֿקה, די טאָכטער פֿון בתואל, אַבֿרהמס ברודערס זון.

און זי איז צוגעקומען צום קוואַל, האָט אָנגעפּילט איר קרוג מיט וואַסער און גענומען גיין צוריק אין שטאָט.

און אליעזר איז צוגעלאָפֿן צו איר און געזאָגט: זײַ אַזוי גוט און גיב מיר אַ טרונק פֿון דײַן קרוג.

האָט דאָס מיידל געזאָגט: טרינק, מײַן האַר. און זי האָט אַראָפּגענומען דעם קרוג פֿון איר אַקסל און אים געגעבן טרינקען.

און אַז ער האָט געענדיקט טרינקען, האָט זי געזאָגט: איך וועל אויך פֿאַר דײַנע קעמלען אָנשעפּן וואַסער.

און זי איז געלאָפֿן צום קוואַל און געשעפּט וואַסער, ביז די קעמלען האָבן זיך אָנגעטרונקען.

און אליעזר קוקט זי אָן און טראַכט: האָט גאָט שוין באַגליקט מײַן וועג? איז דאָס מיידל די באַשערטע פֿאַר מײַן האַרס זון, פֿאַר יצחקן?

יצחקס באַשערטע

און אליעזר האָט געפֿרעגט: וועמענס טאָכטער ביסטו? אפֿשר איז דאָ ביי דיין טאַטן אין הויז פּלאַץ פֿאַר אונדז אויף צו נעכטיקן?

און זי האָט געענטפֿערט: איך בין די טאָכטער פֿון בתואל. ביי אונדז איז דאָ פּלאַץ פֿאַר אייך צו נעכטיקן, און מיר האָבן אויך גענוג שטרוי און פֿוטער פֿאַר דיינע קעמלען.

און אליעזר האָט זיך געבוקט צו גאָט און געזאָגט: געלויבט ביסטו, גאָט, וואָס דו האָסט געטאָן אַ חסד מיט מיין האַר אַבֿרהם און מיך געפֿירט צום הויז פֿון מיין האַרס ברודער.

און אליעזר האָט אַרויסגענומען אַ גילדערנעם נאָזרינג און גילדערנע אָרעמבענדער און געגעבן רבֿקהן.

און רבֿקה איז געלאָפֿן אַהיים דערציילן איר מוטער אַלץ וואָס מיט איר האָט געטראָפֿן.

און רבֿקה האָט געהאַט אַ ברודער מיטן נאָמען לבֿן. און אַז לבֿן האָט געזען דעם נאָזרינג און די אָרעמבענדער און ער האָט געהערט, וואָס רבֿקה האָט דערציילט, איז ער אַרויסגעלאָפֿן אין דרויסן.

און לבֿן האָט געטראָפֿן אליעזרן שטיין לעבן די קעמלען ביים קוואַל.

ביַי רבֿקהס עלטערן

און לבֿן האָט געזאָגט צו אליעזרן:

קום, דו געבענטשטער פֿון גאָט! וואָס שטייסטו אין דרויסן? איך האָב אויפֿגעראַמט דאָס הויז פֿאַר דיר און געמאַכט אַן אָרט פֿאַר די קעמלען.

און לבֿן האָט געבראַכט אליעזרן אין הויז, האָט דער־לאַנגט שטרוי און פֿוטער פֿאַר די קעמלען און וואַסער פֿאַר אליעזרן און זײַנע מענטשן זיך צו וואַשן די פֿיס.

און אליעזר האָט געזאָגט:

איך בין אַבֿרהמס דינער. און גאָט האָט געבענטשט מײַן האַר מיט אַלצדינג. און מײַן האַר האָט מיך באַשוואָרן אַז איך זאָל גיין אין זײַן געבוירן־אָרט און נעמען פֿון דאָרט אַ ווײַב פֿאַר זײַן זון, פֿאַר יצחקן. און איך בין געקומען אַהער, און גאָט האָט באַגליקט מײַן וועג און מיך געבראַכט צום הויז פֿון מײַן האַרס ברודער.

און איצט, אויב אירווילט טאָן אַ חסד מיט מײַן האַר און געבן רבֿקהן פֿאַר אַ ווײַב צו יצחקן — זאָגט מיר. און אויב איר ווילט ניט — זאָגט מיר. און איך וועל מיך קערן רעכטס אָדער לינקס.

און לבֿן און בתואל האָבן געענטפֿערט:

די זאַך איז באַשערט פֿון גאָט. נעם רבֿקהן, און זאָל זי זײַן אַ ווײַב פֿאַר דײַן האַרס זון, פֿאַר יצחקן.

רבֿקה פֿאַרלאָזט איר היים

און אַז אליעזר האָט געהערט די רייד פֿון לבֿנען און בתואלן, האָט ער אַרויסגענומען זילבערנע און גילדערנע זאַכן און אויך קליידער און געגעבן רבֿקהן. און אויך צו איר ברודער און איר מוטער האָט ער געגעבן מתּנות. און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען און זיך געלייגט שלאָפֿן.

און אליעזר איז אויפֿגעשטאַנען אין דער פֿרי און געזאָגט: לאָזט מיך גיין צו מײַן האַר.

און רבֿקהס ברודער און מוטער האָבן געזאָגט: זאָל דאָס מיידל זײַן מיט אונדז נאָך אַ יאָר, און דערנאָך וועט זי גיין מיט דיר.

און אליעזר האָט געזאָגט: פֿאַרהאַלט מיך נישט, אַז גאָט האָט שוין יאָ באַגליקט מײַן וועג.

און זיי האָבן אַרײַנגערופֿן רבֿקהן און זי געפֿרעגט: ווילסטו גיין מיט דעם מאַן?

און רבֿקה האָט געענטפֿערט: יאָ, איך וויל גיין.

און זיי האָבן באַגלייט רבֿקהן און זי געבענטשט. און רבֿקה און אירע מיידלעך האָבן זיך אַרויפֿגעזעצט אויף קעמלען און אַוועק מיט אליעזרן אין לאַנד כּנען.

עס איז געווען פֿאַרנאַכט, ווען זיי זײַנען אָנגעקומען. און יצחק האָט שפּאַצירט אין פֿעלד. און רבֿקה האָט אים דערזען. איז זי אַראָפּ פֿון קעמל און פֿאַרדעקט איר פּנים מיטן שלייער.

און יצחק האָט גענומען רבֿקהן פֿאַר זײַן ווײַב, און זיי האָבן זיך ליב געהאַט.

אַבֿרהם אָבֿינו

און אַבֿרהם האָט געלעבט הונדערט און פֿינף און זיבעציק יאָר.

און ער איז געשטאָרבן זאַט מיט יאָרן און מען האָט אים באַגראָבן לעבן זײַן װײַב שׂרה אין דער הייל פֿון מכפּלה װאָס אַבֿרהם האָט געקויפֿט בײַ עפֿרונען.

— — — — — — — — — — —

אָט אַזוי האָט געלעבט דער ערשטער פֿאָטער פֿון אונדזער פֿאָלק. מיר, ייִדן, דערמאָנען אים תּמיד מיט ליבשאַפֿט און רופֿן אים אַבֿרהם אָבֿינו — אַבֿרהם אונדזער פֿאָטער.

יעקבֿ און עשׂו

עס זײַנען אַריבער צוואַנציק יאָר זינט יצחק האָט גענומען רבֿקהן פֿאַר אַ װײַב. און רבֿקה האָט קיין קינדער ניט געהאַט.

און יצחק האָט געבעטן צו גאָט, און רבֿקה האָט געבוירן אַ צווילינג.

דער ערשטער, דער בכור, איז געבוירן געוואָרן אַ רויטער און אַ האָריקער, און מען האָט אים גערופֿן עשׂו.

און דער צווייטער איז געבוירן געוואָרן אַ גלאַטער, און מען האָט אים גערופֿן יעקבֿ.

און די ייִנגלעך זײַנען אויסגעוואַקסן. עשׂו איז געווען אַ יעגער און אַ פֿעלדמענטש און יעקבֿ איז געווען אַ שטילער און איז געזעסן אין געצעלט.

און יצחק האָט ליב געהאַט עשׂון. עשׂו פֿלעגט אים ברענגען פֿון פֿעלד וואָס ער פֿלעגט פֿאַנגען. און רבֿקה האָט ליב געהאַט יעקבֿן.

פֿאַרקויפֿט די בכורה

איין מאָל האָט יעקבֿ געקאָכט לינדזן און עשׂו איז אָנגעקומען פֿון פֿעלד.

און עשׂו האָט געזאָגט צו יעקבֿן:

לאָז מיך עסן, איך בעט דיך, פֿון אָט דעם רויטן געקעכטס.

און יעקבֿ האָט געענטפֿערט:

פֿאַרקויף מיר דערפֿאַר דײַן געבוירן־רעכט, די בכורה.

און עשׂו האָט געזאָגט:

וואָס דאַרף איך די בכורה אַז איך שטאַרב פֿון הונגער?

און עשׂו האָט געשוואָרן אַז ער פֿאַרקויפֿט יעקבֿן די בכורה פֿאַרן טאָפּ לינדזן.

און יעקבֿ האָט געגעבן עשׂון ברויט און דאָס געקעכטס, און עשׂו האָט געגעסן און געטרונקען.

אַזוי האָט עשׂו פֿאַרקויפֿט זײַן געבוירן־רעכט, די בכורה, פֿאַר אַ טאָפּ לינדזן.

דעם טאַטנס ברכה

און יצחק איז געוואָרן אַלט און זײַנע אויגן זײַנען געוואָרן טונקל, און ער האָט ניט געקאָנט זען.

האָט יצחק גערופֿן זײַן בכור, עשׂו, און געזאָגט:

גיי אין פֿעלד און ברענג מיר אַ געפֿאַנג, און מאַך מיר אַ מאכל ווי איך האָב ליב; און איך וועל עסן און וועל דיך בענטשן איידער איך שטאַרב.

און רבֿקה האָט דאָס געהערט, האָט זי געמאַכט אַ מאכל פֿאַר יצחקן ווי ער האָט ליב.

און זי האָט אַרײַנגערופֿן יעקבֿן, און זי האָט אים אָנ־געטאָן עשׂוס שענסטע קליידער און אַרומגעוויקלט זײַנע הענט און האַלדז מיט פֿעלכלעך, אַז ער זאָל זיין האָריק אַזוי ווי זײַן ברודער עשׂו.

און רבֿקה האָט אַרײַנגעשיקט דעם געשמאַקן מאכל מיט יעקבֿן. און יצחק האָט אַרומגעטאַפּט יעקבֿן — ער איז האָריק! און יצחק האָט געזאָגט:

דער קול איז יעקבֿס
און די הענט זײַנען עשׂוס!

און יצחק האָט אים ניט דערקענט און געמיינט אַז ער איז עשׂו.

און יצחק האָט אָפּגעגעסן און האָט געבענטשט זײַן זון:

גאָט זאָל דיר געבן
פֿון טוי פֿון הימל
און פֿון די פֿעטקײַטן פֿון דער ערד;
און אַ האַר זאָלסטו זײַן
איבער דײַנע ברידער.

יעקבֿ אַנטלויפֿט פֿון עשׂו

און יצחק האָט געענדיקט בענטשן יעקבֿן; און יעקבֿ איז אַרויס.

און עשׂו איז אָנגעקומען פֿון פֿעלד מיט אַ געפֿאַנג, געמאַכט פֿון דעם אַ מאכל פֿאַר זײַן פֿאָטער, עס אַרײַנגע־טראָגן צו אים און געזאָגט:

זאָל מײַן טאַטע אויפֿשטיין, עסן פֿון געפֿאַנג פֿון זײַן זון און מיך בענטשן.

און יצחק האָט גענומען שטאַרק ציטערן און געזאָגט: ווער האָט מיר געבראַכט אַ געפֿאַנג, און איך האָב גע־געסן און אים געבענטשט. דאָס איז דײַן ברודער געקומען און צוגענומען דײַן ברכה!

ווי עשׂו האָט דאָס געהערט, האָט ער געוויינט און גע־בעטן דעם פֿאָטער:

בענטש מיך אויך, טאַטע, בענטש מיך אויך!

און יצחק האָט אים געענטפֿערט:

אויף דײַן שווערד וועסטו לעבן,
און דײַן ברודער וועסטו דינען;
נאָר דו וועסט זיך אָפּרײַסן
און אַראָפּוואַרפֿן זײַן יאָך פֿון דײַן האַלדז.

און עשׂו האָט פֿײַנט געהאַט יעקבֿן און געטראַכט: עס וועלן אָנקומען די טרויער־טעג נאָך מײַן טאַטן, און איך וועל טייטן מײַן ברודער יעקבֿ.

און רבֿקה האָט זיך דערוואוסט דערפֿון און געהייסן יעקבֿן אַנטלויפֿן צו איר ברודער קיין חרן.

יעקבֿס חלום

און יעקבֿ איז אַוועק פֿון זײַן היים און איז גע־גאַנגען קיין חרן. און ער איז אָנגעקומען אין אַן אָרט און ער האָט דאָרט גענעכטיקט, ווײַל די זון איז אונטערגע־גאַנגען.

און ער האָט גענומען אַ שטיין פֿאַר אַ צוקאָפּנס, און ער האָט זיך געלייגט. און אים האָט זיך געחלומט:

אַ לייטער שטייט אויף דער ערד און זײַן שפּיץ דער־גרייכט צום הימל. און מלאָכים גייען אַרויף און אַראָפּ אויף אים. און גאָט שטייט איבער אים און זאָגט:

„איך בין אַדוני, דער גאָט פֿון דײַנע עלטערן אַבֿרהם און יצחק. איך וועל געבן צו דיר און דײַנע קינדער דאָס לאַנד וואָס דו ליגסט אויף דעם. און דײַנע קינדער וועלן זײַן אַזוי פֿיל ווי שטויב פֿון דער ערד. און איך וועל זײַן מיט דיר און דיך היטן וואו דו וועסט גיין. און איך וועל דיך אומקערן צו דער דאָזיקער ערד און איך וועל דיך ניט פֿאַרלאָזן".

און יעקבֿ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און געזאָגט מיט שרעק:

ווי מוראדיק איז דאָס אָרט. נישט אַנדערש, אַז דאָס איז גאָטס הויז, און דאָס איז דער טויער פֿון הימל. און יעקבֿ האָט געגעבן אַ נאָמען דעם אָרט בית־אל.

און יעקבֿ האָט אויפֿגעשטעלט דעם שטיין פֿון זײַן צו־קאָפּנס, אַרויפֿגעגאָסן אויף אים בוימל און געזאָגט:

אויב גאָט וועט זײַן מיט מיר אויף דעם וועג, און וועט מיר געבן ברויט צו עסן און אַ קלייד צו טראָגן, און איך וועל קומען בשלום צוריק צו מײַן טאַטנס הויז, וועט אַדוני זײַן מײַן גאָט.

בײַם ברונעם

און יעקבֿ איז געגאַנגען װײַטער. און ער האָט געזען אַ ברונעם אין פֿעלד. און דרײַ סטאַדעס שאָף ליגן לעבן ברונעם.

און יעקבֿ האָט געפֿרעגט די פּאַסטעכער: פֿון װאַנען זײַט איר, ברידער?

און די פּאַסטעכער האָבן געענטפֿערט: מיר זײַנען פֿון חרן.

און יעקבֿ האָט זיי געפֿרעגט: קענט איר לבנען?

און זיי האָבן געענטפֿערט: מיר קענען אים.

און יעקבֿ האָט געפֿרעגט: איז שלום בײַ אים?

און זיי האָבן געענטפֿערט: שלום. און אָט קומט זײַן טאָכטער רחל מיט די שאָף.

און יעקבֿ האָט זיי געפֿרעגט: אויף װאָס װאַרט איר? פֿאַר װאָס טרינקט איר ניט אָן די שאָף?

און זיי האָבן געענטפֿערט: מיר קאָנען ניט, װײַל אַ שװערער שטיין דעקט צו דעם ברונעם. װען אַלע פּאַסטעכער װעלן זיך צונױפֿקומען, װעלן מיר אַראָפּקײַקלען דעם שטיין און אָנטרינקען די שאָף.

ווי זיי רעדן אַזוי קומט אָן רחל מיט איר פֿאָטערס שאָף. און יעקבֿ איז צוגעגאַנגען, האָט אַליין אַראָפּגע־קײַקלט דעם שטיין און אָנגעטרונקען די שאָף פֿון לבֿנען, זײַן מוטערס ברודער.

און יעקבֿ האָט געקושט רחלען און איר דערציילט אַז ער איז איר פֿאָטערס אַן אייגענער, ער איז רבֿקהס זון.

בײַ לבֿנען

ווי נאָר לבֿן האָט געהערט וועגן יעקבֿן, איז ער געלאָפֿן אים אַנטקעגן און אים געהאַלדזט און געקושט. און לבֿן האָט אים אַרײַנגענומען אין הויז, און יעקבֿ האָט דער־ציילט לבֿנען אַלץ וואָס מיט אים האָט געטראָפֿן.

און לבֿן האָט אים געזאָגט: זײַ בײַ מיר, דו ביסט דאָך מײַן ביין און פֿלייש.

און יעקבֿ איז געווען בײַ לבֿנען און ער האָט געפּיטערט לבֿנס שאָף.

עס איז אַריבער אַ חודש און לבֿן האָט געזאָגט:

זאָג מיר, וואָס איז דײַן לוין? צי דערפֿאַר וואָס דו ביסט מײַן אייגענער דאַרפֿסטו מיר דינען אומזיסט?

און לבֿן האָט געהאַט צוויי טעכטער. די עלטערע האָט געהייסן לאה, און די יִנגערע — רחל.

און לאה האָט געהאַט שלאַפֿע אויגן, אָבער רחל איז געווען זייער אַ שיינע.

און יעקבֿ האָט ליב געהאַט רחלען און ער האָט גע־זאָגט צו לבֿנען:

איך וועל דיר דינען זיבן יאָר פֿאַר דײַן יִנגערער טאָכ־טער רחל.

און לבֿן האָט געזאָגט: איך וועל זי בעסער געבן דיר איידער צו אַן אַנדער מאַן. בלײַב בײַ מיר.

לבן נאַרט אָפּ יעקבֿן

און יעקבֿ האָט געדינט פֿאַר רחלען זיבן יאָר. און זיי זײַנען געווען אין זײַנע אויגן ווי עטלעכע טעג פֿון גרויס ליבשאַפֿט צו איר.

און יעקבֿ האָט געזאָגט צו לבֿנען: גיב מיר מײַן ווײַב, ווײַל מײַן צײַט פֿון דינען האָט זיך געענדיקט.

און לבֿן האָט פֿאַררופֿן אַלע מענטשן פֿון דעם אָרט און האָט געמאַכט אַ מאָלצײַט. און אין אָוונט האָט ער געבראַכט זײַן טאָכטער לאה צו יעקבֿן.

און אַז יעקבֿ האָט געזען אַז דאָס איז לאה, האָט ער געזאָגט צו לבֿנען:

פֿאַרוואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט? איך האָב דאָך דיר געדינט פֿאַר רחלען די זיבן יאָר.

און לבֿן האָט געענטפֿערט: עס פּירט זיך ניט בײַ אונדז אַז מען זאָל אויסגעבן די ייִנגערע פֿאַר דער עלטערער. וואַרט אַ וואָך, און איך וועל דיר געבן אויך רחלען. אָבער דערפֿאַר וועסטו דאַרפֿן אַרבעטן בײַ מיר נאָך זיבן יאָר.

און יעקבֿ האָט אַזוי געטאָן. און אַז די וואָך איז אַריבער, האָט לבֿן געגעבן זײַן טאָכטער רחל צו יעקבֿן פֿאַר אַ ווײַב. און יעקבֿ האָט רחלען מער ליב געהאַט פֿאַר לאהן.

און לאה האָט געבוירן אַ זון און אים גערופֿן ראובֿן און געזאָגט: גאָט האָט געזען מײַן פּײַן. איצט וועט מײַן מאַן מיך ליב האָבן.

ק י נ ד ע ר

און לאה האָט געבוירן אַ צווייטן זון און זי האָט געזאָגט: גאָט האָט געהערט אַז מײַן מאַן האָט מיך ניט ליב, און ער האָט מיר געגעבן אויך דעם זון, און זי האָט אים גערופֿן שמעון.

און זי האָט ווידער געבוירן אַ זון און זי האָט געזאָגט: דאָס מאָל וועט מײַן מאַן ווערן צוגעבונדן צו מיר. און זי האָט אים גערופֿן לוי.

און לאה האָט געבוירן נאָך אַ זון און געזאָגט: געלויבט זאָל זײַן גאָט. און זי האָט גערופֿן איר פֿערטן זון יהודה.

און לאה האָט געבוירן נאָך זין און איין טאָכטער.

און אַז רחל האָט געזען אַז זי געבערט ניט קיין קינדער, האָט זי מקנא געווען איר שוועסטער.

און גאָט האָט געדענקט אין רחלען, און זי האָט געבוירן אַ זון. און רחל האָט געזאָגט:

גאָט האָט אָפּגעטאָן פֿון מיר מײַן חרפּה. און רחל האָט גערופֿן איר זון יוסף.

און יעקבֿ האָט געזאָגט צו לבֿנען:

דו ווייסט ווי שווער איך האָב געאַרבעט פֿאַר דיר. גיב מיר מײַנע ווײַבער און קינדער און איך וועל זיך אומקערן צו מײַן לאַנד.

און לבֿן האָט אים געענטפֿערט: איך ווייס אַז גאָט האָט מיך געבענטשט צוליב דיר. זאָג מיר דײַן לוין און איך וועל דיר געבן.

יעקבֿ זאָרגט פֿאַר זײַן הויזגעזינד

און יעקבֿ האָט געזאָגט: דו ווייסט אַליין אַז דו האָסט געהאַט ווייניק שאָף, ביז איך בין געקומען. און גאָט האָט דיך געבענטשט צוליב מיר און דו ביסט געוואָרן רײַך. און ווען וועל איך טאָן פֿאַר מײַן אייגן הויזגעזינד?

און לבֿן האָט געפֿרעגט: וואָס זאָל איך דיר געבן?

און יעקבֿ האָט געענטפֿערט: איך וועל ווידער פֿי־טערן דײַנע שאָף, אויב דו וועסט מיר געבן פֿאַר מײַן לוין אַלע געפֿלעקטע און געשפּרענקלטע שעפּסן און ציגן וואָס וועלן געבוירן ווערן.

און לבֿן האָט געזאָגט: זאָל זײַן ווי דו זאָגסט.

און לבֿן האָט אָפּגעטיילט אַלע געפֿלעקטע און גע־שפּרענקלטע שאָף און זיי געגעבן זײַנע זין צו היטן.

און יעקבֿ האָט געפֿיטערט לבֿנס איבעריקע שאָף. און די צוויי סטאַדעס זײַנען געווען ווײַט איינע פֿון דער אַנ־דערער דרײַ טעג גאַנג. און לבֿנס שאָף האָבן געבוירן געשפּרענקלטע און געפֿלעקטע, און יעקבֿס סטאַדע איז געוואָרן זייער גרויס.

און יעקבֿ איז געוואָרן רײַך. און ער האָט געהאַט אַ סך שאָף, דינסטן, דינערס, קעמלען און אייזלען.

און יעקבֿ האָט דערקענט אין לבֿנס פּנים אַז ער איז ניט צו אים ווי נעכטן־אייערנעכטן.

יעקבֿ פֿאַרלאָזט לבֿנען

און גאָט האָט געזאָגט צו יעקבֿן:

קער זיך אום אין לאַנד פֿון דײַנע עלטערן און איך וועל זײַן מיט דיר.

און יעקבֿ האָט גערופֿן רחלען און לאהן אין פֿעלד וואו ער האָט געפֿיטערט די שאָף און ער האָט צו זיי געזאָגט:

איך זע אין אײַער פֿאָטערס פּנים, אַז ער איז ניט צו מיר ווי נעכטן-אייערנעכטן, און איר ווייסט אַז איך האָב געדינט מיטן גאַנצן כּוח אײַער פֿאָטער. און אײַער פֿאָטער האָט מיך אָפּגענאַרט און געביטן מײַן לוין צען מאָל. אָבער גאָט האָט אים ניט געלאָזט טאָן שלעכטס צו מיר. און אַ מלאך פֿון גאָט האָט מיר געזאָגט אין חלום: „גיי אַרויס פֿון דעם לאַנד, און קער זיך אום אין דײַן געבוירן-לאַנד".

און רחל און לאה האָבן געענטפֿערט: טו ווי גאָט האָט דיר געהייסן.

און יעקבֿ איז אויפֿגעשטאַנען און אַרויפֿגעזעצט זײַנע קינדער און זײַנע ווײַבער אויף קעמלען.

און ער האָט אַוועקגעפֿירט אַלע זײַנע שאָף און דאָס גאַנצע גוטס וואָס ער האָט אָנגעקליבן און זיך געלאָזט צו זײַן פֿאָטער יצחק אין לאַנד כּנען.

יעקבֿ שיקט מתּנות צו עשׂון

און יעקבֿ האָט געשיקט שלוחים צו זײַן ברו־דער עשׂו אין פֿעלד פֿון אדום. און ער האָט זיי געהייסן זאָגן:

אַזוי האָט געזאָגט יעקבֿ: ׳בײַ לבֿנען האָב איך גע־וואוינט ביז איצט. און איך האָב אָקסן און אייזלען, דינערס און דינסטן׳.

און די שלוחים זײַנען געקומען צוריק צו יעקבֿן און האָבן אים געזאָגט: מיר זײַנען געווען בײַ דײַן ברודער עשׂו און ער גייט דיר אַנטקעגן מיט פֿיר הונדערט מאַן.

און יעקבֿ האָט זייער מורא געהאַט, און ער האָט צע־טיילט זײַנע מענטשן אויף צוויי מחנות. און ער האָט געטראַכט: אויב עשׂו וועט שלאָגן איין מחנה, וועט די צווייטע מחנה זיך קענען ראַטעווען.

און יעקבֿ האָט געזאָגט:

גאָט פֿון מײַן פֿאָטער אַבֿרהם און מײַן פֿאָטער יצחק, דו האָסט מיר געזאָגט: ׳קער זיך אום אין דײַן לאַנד און אין דײַן געבוירן־אָרט, און איך וועל זײַן מיט דיר׳.

איך בין ניט ווערט די חסדים וואָס דו האָסט געטאָן מיט מיר, דײַן קנעכט. בלויז מיט מײַן שטעקן בין איך אַריבער דעם ירדן, און איצט בין איך געוואָרן צוויי מחנות. ראַטעווע מיך פֿון מײַן ברודער, פֿון עשׂו, ווײַל איך האָב מורא אַז ער זאָל ניט קומען און מיך שלאָגן — מוטער מיט קינדער. און דו האָסט דאָך מיר צוגעזאָגט אַז דו וועסט טאָן גוטס מיט מיר און אַז מײַנע קינדער וועלן זײַן אַזוי פֿיל ווי דער זאַמד פֿון ים.

און יעקבֿ האָט געשיקט פֿאָרויס סטאַדעס שאָף, מתּנות פֿאַר עשׂון.

יעקבֿ טרעפֿט זיך מיט עשׂון

און יעקבֿ האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און געזען אַז עשׂו קומט מיט פֿיר הונדערט מאַן. און יעקבֿ איז געגאַנגען פֿאָרויס פֿון זײַנע װײַבער און קינדער און זיך געבוקט זיבן מאָל פֿאַר עשׂון.

איז עשׂו געלאָפֿן אַנטקעגן יעקבֿן, האָט אים אַרומגענומען, איז געפֿאַלן אויף זײַן האַלדז, אים געקושט, און זיי האָבן געוויינט. און עשׂו האָט געזען די פֿרויען און קינדער און ער האָט געפֿרעגט: ווער זײַנען זיי?

און יעקבֿ האָט געענטפֿערט: דאָס זײַנען מײַנע װײַבער און קינדער, וואָס גאָט האָט מיר געשענקט.

און די פֿרויען און קינדער זײַנען צוגעקומען און האָבן זיך געבוקט.

און עשׂו האָט געפֿרעגט: און וואָס איז די מתּנה מיט די סטאַדעס וואָס איך האָב געטראָפֿן אויפֿן וועג?

און יעקבֿ האָט געענטפֿערט: דאָס איז אַ מתּנה פֿאַר דיר.

און עשׂו האָט געזאָגט: איך האָב גענוג, מײַן ברודער, זאָל דײַנס בלײַבן בײַ דיר.

און יעקבֿ האָט געזאָגט: ניין, איך בעט דיך, נעם צו מײַן מתּנה, ווײַל גאָט האָט מיך געבענטשט, און קיין זאַך פֿעלט מיר ניט.

און יעקבֿ האָט שטאַרק געבעטן עשׂון, און עשׂו האָט גענומען יעקבֿס מתּנה.

אין בית־אל

און עשׂו און זײַנע מענטשן האָבן זיך געלאָזט גיין אויף זייער וועג, קיין אדום.

און יעקבֿ האָט געזאָגט צו זײַן הויזגעזינד און צו אַלע וואָס מיט אים:

גאָט האָט מיר תּמיד געענטפֿערט אין טאָג פֿון נויט, און ער איז מיט מיר געוועזן אויפֿן וועג וואָס איך בין געגאַנגען. טוט אָפּ פֿון זיך די פֿרעמדע געטער וואָס איר האָט. מאַכט זיך ריין און בײַט איבער אײַערע קליידער. קומט, לאָמיר גיין קיין בית־אל, דאָס אָרט וואו גאָט האָט זיך באַוויזן צו מיר, בעת איך בין אַנטלאָפֿן פֿאַר מײַן ברודער.

און זיי האָבן געגעבן יעקבֿן אַלע פֿרעמדע געטער, און יעקבֿ האָט זיי באַהאַלטן אונטער אַ בוים. און יעקבֿ האָט זיך געלאָזט אין וועג און איז געקומען קיין בית־אל.

און גאָט האָט זיך באַוויזן צו יעקבֿן, האָט אים געבענטשט און געזאָגט:

יעקבֿ, דײַן נאָמען וועט איצט זײַן ישׂראל. און דו וועסט זיך מערן. אַ פֿאָלק וועט ווערן פֿון דיר, און מלכים וועלן פֿון דיר אַרויסקומען. און דאָס לאַנד, וואָס איך האָב צוגעזאָגט צו אַבֿרהמען און יצחקן, וועל איך געבן דיר און דײַנע קינדער.

און יעקבֿ האָט אויפֿגעשטעלט אַ זײַל אויף דעם אָרט און ער האָט אַרויפֿגעגאָסן אויף אים בוימל.

רחל שטאַרבט

און יעקבֿ איז אַוועק פֿון בית־אל.

און אין מיטן וועג איז רחל געגאַנגען צו קינד. און זי האָט געהאַט אַ שווערע געבורט. און די הייבין האָט איר געזאָגט:

שרעק זיך ניט: אויך דער איז אַ זון.

און רחל איז געשטאָרבן בײַם געבערן דאָס קינד. און יעקבֿ האָט אים גערופֿן בנימין.

און יעקבֿ האָט באַגראָבן רחלען אויפֿן וועג קיין אפֿרת, און יעקבֿ האָט געשטעלט אַ מצבֿה אויף איר קבֿר. און די מצבֿה שטייט נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג.

— — — — — — — — — — —

יעקבֿ האָט געהאַט צוועלף זין:

ראובֿן, שמעון, לוי, יהודה,
יששכר, זבֿולון, דן, נפֿתּלי,
גד, אָשר, יוסף און בנימין.

יצחק אָבֿינו

און יעקבֿ איז געקומען צו זײַן פֿאָטער קיין חבֿרון. און יצחק איז געווען אַלט הונדערט און אַכציק יאָר.

און יצחק איז געשטאָרבן אַלט און זאַט מיט יאָרן. און זײַנע זין יעקבֿ און עשׂו האָבן אים באַגראָבן אין דער הייל פֿון מכפּלה, אין חבֿרון.

— — — — — — — — — — —

יצחק איז געווען דער צווייטער פֿאָטער פֿון אונדזער פֿאָלק. און מיר, ייִדן, רופֿן אים:
יצחק אָבֿינו.

יוסף און זײַנע ברידער

און יעקבֿ איז געזעסן אין לאַנד פֿון זײַן פֿאָטער, אין כּנען.

און יוסף און זײַנע ברידער האָבן געפּיטערט שאָף. און יוסף איז אַלט געווען זיבעצן יאָר. און ער איז געווען אַ ייִנגל קעגן זײַנע ברידער. און יוסף פֿלעגט אָפּטראָגן צום פֿאָטער אַלע זייערע שלעכטע רייד.

און יעקבֿ האָט ליב געהאַט יוספֿן מער פֿון אַלע זײַנע קינדער און האָט אים געמאַכט אַ געשטרייפּט העמדל.

און די ברידער האָבן געזען אַז זייער פֿאָטער האָט ליב יוספֿן מער פֿון זיי, האָבן זיי פֿײַנט געקריגן יוספֿן און ניט געקאָנט רעדן פֿרײַנדלעך צו אים.

און יוספֿן האָט זיך געחלומט אַ חלום און ער האָט דערציילט זײַנע ברידער:

מיר האָט זיך געחלומט אַז מיר שטייען אין פֿעלד און מיר בינדן גאַרבן, — און עס שטייט אויף מײַן גאַרב, און אײַערע גאַרבן בוקן זיך צו מײַן גאַרב.

און די ברידער האָבן זיך אָפּגערופֿן: ווילסט אפֿשר קיניגן איבער אונדז?

און די ברידער האָבן נאָך מער פֿײַנט געקריגן יוספֿן פֿאַר זײַנע חלומות און זײַנע רייד.

אָט קומט דער בעל־חלומות

און יוספֿן האָט זיך געחלומט אַ חלום, און ער האָט דערציילט זײַנע ברידער:

עס האָט זיך מיר געחלומט אַז די זון, די לבֿנה און די עלף שטערן האָבן זיך געבוקט צו מיר.

און יעקבֿ האָט דאָס געהערט, האָט ער געשרײַען אויף יוספֿן און געזאָגט:

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ חלום? מיינסטו אַז איך, דײַן מוטער און דײַנע ברידער וועלן זיך בוקן פֿאַר דיר צו דער ערד?

און די ברידער זײַנען אַוועק קיין שכם פּיטערן זייער פֿאָטערס שאָף. און ישׂראל האָט געזאָגט יוספֿן:

דײַנע ברידער פּיטערן איצט אין שכם. גיי אַהין און זע וואָס זיי מאַכן און וואָס עס מאַכן די שאָף, און ברענג מיר אַן ענטפֿער.

און יוסף איז געגאַנגען פֿון טאָל פֿון חבֿרון קיין שכם. און די ברידער האָבן אים געזען פֿון ווײַטן. און זיי האָבן געטראַכט ווי אים צו טייטן. און זיי האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן:

אָט קומט דער בעל־חלומות. לאָמיר אים טייטן און אַרײַנוואַרפֿן אין אַ גרוב און זאָגן אַז אַ בייזע חיה האָט אים אויפֿגעגעסן. און מיר וועלן זען וואָס עס וועט ווערן פֿון זײַנע חלומות.

פֿאַרקויפֿט פֿאַר אַ קנעכט

און ראובֿן האָט געוואָלט ראַטעווען יוספֿן פֿון זייערע הענט און האָט געזאָגט:

פֿאַרגיסט ניט קיין בלוט. וואַרפֿט אים אַרײַן אין יענער גרוב וואָס אין מדבר, און אײַער האַנט זאָלט איר ניט לייגן אויף אים.

און די ברידער האָבן אים געפֿאָלגט.

און ווי יוסף איז צוגעקומען, האָבן זיי אויסגעטאָן דאָס העמדל, דאָס געשטרייפֿטע העמדל. און זיי האָבן אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין גרוב. און די גרוב איז געווען ליידיק, אָן וואַסער.

און זיי האָבן זיך געזעצט עסן. און אַ קאַראַוואַן קומט אָן, און די קעמלען טראָגן געווירץ קיין מצרים.

און יהודה האָט געזאָגט צו זײַנע ברידער:

וואָס וועט אונדז אַרויסקומען אַז מיר וועלן הרגענען אונדזער ברודער און פֿאַרדעקן זײַן בלוט? לאָמיר אים בעסער פֿאַרקויפֿן צו די סוחרים פֿון קאַראַוואַן, און אונדזער האַנט זאָל ניט זײַן אויף אים, ווײַל ער איז דאָך אונדזער ברודער, אונדזער אייגן פֿלייש איז ער.

און די ברידער האָבן אַרויסגעשלעפּט יוספֿן פֿון גרוב. און זיי האָבן אים פֿאַרקויפֿט צו די סוחרים פֿאַר צוואַנציק זילבער־שטיק.

און די סוחרים האָבן אַוועקגעפֿירט יוספֿן קיין מצרים.

פאַרצוקט איז יוסף

און ראובֿן איז אַוועק צו דער גרוב. ער זעט — יוסף איז ניטאָ! האָט ראובֿן צעריסן אויף זיך די קליידער, איז געלאָפֿן צו זײַנע ברידער און געשריִען:

דאָס ייִנגל איז ניטאָ. וואָס זאָל איך טאָן? וואָס זאָל איך טאָן?

און זיי האָבן גענומען יוספֿס העמדל און עס אײַנגעטונקט אין בלוט פֿון אַ ציגעלע.

און זיי האָבן דאָס געשטרייפֿטע העמדל אַוועקגעשיקט צו זייער פֿאָטער און געזאָגט: דאָס האָבן מיר געפֿונען. דערקען, צי דאָס איז דײַן זונס העמדל אָדער ניט.

און יעקבֿ האָט עס דערקענט און אויסגעשריִען:

דאָס איז מײַן זונס העמדל. אַ בייזע חיה האָט אים אויפֿגעגעסן. פֿאַרצוקט איז יוסף!

און יעקבֿ האָט צעריסן אויף זיך די קליידער, אַרויפֿגעטאָן אויף זיך אַ זאַק און געטרויערט נאָך זײַן זון אַ סך טעג.

און זײַנע זין און טעכטער זײַנען געקומען אים טרייסטן. און יעקבֿ האָט זיך ניט געלאָזט טרייסטן און געזאָגט: ניין, אַ טרויעריקער וועל איך שוין אַראָפּ צו מײַן זון אין קבֿר.

יוסף בײַ פּוטיפרן

און יוסף איז געבראַכט געוואָרן קיין מצרים און איז פֿאַרקויפֿט געוואָרן פֿאַר אַ קנעכט צו פּוטיפרן, דער האַר פֿון פּרעהס לײַבוואַך.

און גאָט איז געווען מיט יוספֿן און גאָט האָט אים באַגליקט אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן.

און יוסף האָט געפֿונען חן אין פּוטיפרס אויגן. און פּוטיפר האָט אים געמאַכט פֿאַרן עלטסטן איבער זײַן הויז. און אַלץ וואָס ער האָט געהאַט האָט ער איבערגעגעבן אין יוספֿס האַנט.

און גאָט האָט געבענטשט דעם מצריס הויז צוליב יוספֿן. און גאָטס ברכה איז געווען אויף אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין הויז און אין פֿעלד.

און יוסף איז געווען זייער אַ שיינער. און איין מאָל האָט פּוטיפרס ווײַב אויסגעטראַכט אויף יוספֿן, אַז ער האָט זי באַליידיקט. איז פּוטיפר געווען זייער אין כּעס, און פּוטיפר האָט אַרײַנגעזעצט יוספֿן אין געפֿענגעניש.

און גאָט איז געווען מיט יוספֿן, און ער האָט געפֿונען חן אין די אויגן פֿון האַר פֿון געפֿענגעניש. און דער האַר האָט איבערגעגעבן אין יוספֿס האַנט אַלע געפֿאַנגענע.

און גאָט האָט באַגליקט יוספֿן אין אַלץ וואָס ער האָט געטאָן.

דער ווײַנגיסער און דער בעקער

און פּרעהס צוויי הויפּדינערס, דעם מלכס ווײַנ־גיסער און דעם מלכס בעקער, האָבן זיך פֿאַרזינדיקט קעגן פּרעהן.

און פּרעה איז אויף זיי געוואָרן אין כּעס. און ער האָט זיי אַרײַנגעזעצט אין געפֿענגעניש וואו יוסף איז גע־זעסן.

און דער האַר פֿון דער לײַבוואַך האָט אַוועקגעשטעלט יוספֿן אַז ער זאָל זיי באַדינען, און זיי זײַנען געזעסן אַ יאָר צײַט.

און איין נאַכט האָט זיך זיי געחלומט אַ חלום. און יוסף איז געקומען צו זיי אין דער פֿרי, און ער האָט געזען אַז זיי זײַנען צעטראָגן.

און יוסף האָט זיי געפֿרעגט: פֿאַר וואָס זעט איר הײַנט אויס אַזוי שלעכט?

און זיי האָבן אים געענטפֿערט: עס האָט זיך אונדז געחלומט אַ חלום און מיר ווייסן ניט דעם באַשייד. און יוסף האָט געזאָגט: דערציילט מיר אײַער חלום.

און דער ווײַנגיסער האָט דערציילט:

איך האָב געזען אין חלום אַ ווײַנשטאָק מיט דרײַ צווײַגן. און דער ווײַנשטאָק האָט געבליט, און די ווײַנ־טרויבן זײַנען געוואָרן צײַטיק. און איך האָב געהאַלטן אין האַנט פּרעהס בעכער. און איך האָב אויסגעקוועטשט די ווײַנטרויבן אין פּרעהס בעכער און דערלאַנגט פּרעהן דעם בעכער ווײַן.

יוסף באַשיידט חלומות

און יוסף האָט געזאָגט:

אָט דאָס איז דער באַשייד: די דרײַ צווײַגן זײַנען דרײַ טעג. אין דרײַ טעג אַרום וועט פּרעה דיך אומקערן צוריק צו דײַן שטאַנד, און דו וועסט ווידער דערלאַנגען פּרעהן זײַן בעכער ווי פֿריִער.

אָבער דו זאָלסט מיך געדענקען, ווען דיר וועט גוט זײַן, און דו זאָלסט טאָן אַ חסד מיט מיר און מיך דער־מאָנען פֿאַר פּרעהן און מיך אַרויסנעמען פֿון דעם פּלאַץ, ווײַל מען האָט מיך אַוועקגערויבט פֿון מײַן היים. און אויך דאָ האָב איך קיין בייז ניט געטאָן, וואָס מען האָט מיך אַרײַנגעזעצט אין געפֿענגעניש.

און דעם מלכס בעקער האָט געזען, אַז יוסף האָט אויסגעלייגט דעם חלום צום גוטן, האָט ער אויך דערציילט זײַן חלום:

אין מײַן חלום האָב איך געטראָגן דרײַ קערב אויפֿן קאָפּ. און אין אייבערשטן קאָרב איז געלעגן עסנוואַרג פֿאַר פּרעהן, און פֿייגל האָבן געגעסן פֿון קאָרב אויף מײַן קאָפּ.

און יוסף האָט געזאָגט:

די דרײַ קערב זײַנען דרײַ טעג. אין דרײַ טעג אַרום וועט פּרעה דיך אויפֿהענגען אויף אַ בוים, און פֿייגל וועלן עסן דײַן לײַב.

און אין דרײַ טעג אַרום האָט פּרעה געמאַכט אַ מאָל־צײַט פֿאַר זײַנע דינערס. און ער האָט דעם ווײַנגיסער אומגעקערט צוריק צו זײַן שטאַנד. און דעם בעקער האָט ער אויפֿגעהאַנגען, ווי יוסף האָט זיי באַשיידט.

און דער ווײַנגיסער האָט ניט געדענקט אין יוספֿן און האָט אים פֿאַרגעסן.

פרעהס חלום

און עס איז געווען צום סוף פֿון צוויי יאָר, און פרעהן האָט זיך געחלומט אַז ער שטייט בײַם ברעג טײַך.

און פֿון טײַך גייען אַרויס זיבן שיינע און פֿעטע קי און זיי פּיטערן זיך אויפֿן גראָז. און נאָך זיי גייען אַרויס זיבן קי, מיאוסע און מאָגערע. און די מיאוסע און מאָגערע קי האָבן אויפֿגעגעסן די שיינע און פֿעטע קי.

און פרעה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט. און ער איז ווידער אײַנגעשלאָפֿן און אים האָט זיך געחלומט:

זיבן זאַנגען גייען אויף אויף איין שטענגל, זיבן שיינע און פֿולע זאַנגען. און נאָך זיי גייען אויף אַנדערע זיבן זאַנגען, זיבן דינע און ליידיקע זאַנגען. און די זיבן דינע זאַנגען האָבן אײַנגעשלונגען די פֿולע זאַנגען.

און פרעה האָט זיך אויפֿגעכאַפּט — עס איז אַ חלום! און פרעהן האָט געקלאַפּט דאָס האַרץ.

און פרעה האָט גערופֿן אַלע חכמים פֿון מצרים און ער האָט זיי דערציילט זיין חלום. און קיינער האָט ניט געקאָנט באַשיידן פרעהס חלום.

און פרעהס ווײַנגיסער האָט אַזוי געזאָגט צו פרעהן:

איך מוז הײַנט דערמאָנען מײַנע זינד. פרעה איז בייז געוואָרן אויף זײַנע דינערס און האָט מיך מיטן בעקער אַרײַנגעזעצט אין געפֿענגעניש. און אונדז האָט זיך געחלומט אַ חלום. און אַ יינגל פֿון די עבֿרים האָט אונדז באַשיידט. און עס איז געשען ווי ער האָט באַשיידט.

יוסף באַשיידט פּרעהס חלום

און פּרעה האָט געשיקט נאָך יוספֿן. און מען האָט יוספֿן אַרויסגענומען פֿון געפֿענגעניש. און יוסף האָט זיך אָפּגעשאָרן, האָט איבערגעביטן זײַנע קליידער און געקומען צו פּרעהן.

און פּרעה האָט געזאָגט צו יוספֿן:

מיר האָט זיך געחלומט אַ חלום און ס'איז ניטאָ ווער עס זאָל אים באַשיידן. און איך האָב געהערט אַז דו פֿאַרשטייסט ווי צו באַשיידן אַ חלום.

און יוסף האָט געענטפֿערט: ניט איך קאָן באַשיידן, נאָר גאָט וועט מיר ווײַזן ווי צו באַשיידן פּרעהס חלום.

און פּרעה האָט דערציילט יוספֿן וואָס עס האָט זיך אים געחלומט, און יוסף האָט געזאָגט:

פּרעהס חלום איז איינער. די זיבן פֿעטע קי און די זיבן פֿולע זאַנגען זײַנען זיבן זאַטע יאָר — איין חלום איז דאָס; און די זיבן מאָגערע קי און די זיבןליידיקע זאַנגען זײַנען זיבן הונגער־יאָר. דאָס וואָס גאָט וועט טאָן האָט ער געוויזן פּרעהן אין חלום.

עס וועלן אָנקומען זיבן יאָר פֿון גרויס זעט אין מצרים. און נאָך זיי וועלן קומען זיבן הונגער־יאָר. און דער הונגער וועט פֿאַרוויסטן דאָס לאַנד.

דעריבער זאָל פּרעה זוכן אַ קלוגן מאַן און אים שטעלן איבער מצרים. און פּרעה זאָל באַשטימען אויפֿזעערס, און זאָלן זיי אויפֿקלײַבן די שפּײַז אין די זיבן יאָר פֿון זעט. און זאָל מען די שפּײַז באַהאַלטן אויף די זיבן שלעכטע יאָר כּדי מען זאָל ניט אויסגיין פֿון הונגער.

יוסף ווערט שני־למלך

און יוספּס רייד זיינען געפעלן געוואָרן פרעהן און ער האָט געזאָגט צו יוספן:

ניטאָ נאָך אַזאַ קלוגער מאַן ווי דו. דו וועסט זיין אי־בער מיין הויז, און דורך דיין וואָרט וועט געפירט ווערן מיין גאַנץ פאָלק. אָן דיר זאָל קיינער ניט אויפהייבן קיין האַנט אָדער פוס. בלויז מיטן טראָן וועל איך זיין העכער פון דיר.

און פרעה האָט אַראָפּגענומען פון האַנט זיין זיגלרינג און אים אָנגעטאָן אויף יוספּס האַנט. און ער האָט יוספן אָנגעטאָן אין טייערע קליידער, און ער האָט אַרויפגעטאָן אויף יוספּס האַלדז אַ גילדערנע קייט. און ער האָט אים אַריינגעזעצט אין דער צווייטער קאַרעטע פון מלך. און מען איז געלאָפן פאַר אים און געשריען: „בייגט די קני״.

און יוסף איז אַלט געווען דרייסיק יאָר, ווען ער האָט זיך געשטעלט פאַר פרעהן.

און פרעה האָט געגעבן יוספן פאַר אַ ווייב אָסנת, די טאָכטער פון אַ פּריסטער. און ביי יוספן זיינען געבוירן געוואָרן צוויי זין. און יוסף האָט גערופן דעם בכור מנשה און דעם צווייטן האָט ער גערופן אפרים.

די זיבן הונגער־יאָר

און יוסף איז אַרויסגעגאַנגען פֿון פּרעהן און דורכגעגאַנגען דאָס גאַנצע לאַנד מצרים.

און יוסף האָט צוזאַמענגעקליבן די גאַנצע שפּייז פֿון די זיבן זאַטע יאָר. און ער האָט אַרײַנגעבראַכט אין יעדער שטאָט די שפּייז פֿון די פֿעלדער וואָס אַרום. און ער האָט אָנגעזאַמלט אַזוי פֿיל תּבֿואה ווי זאַמד בײַם ברעג ים.

און די זיבן יאָר פֿון זעט האָבן זיך געענדיקט, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די זיבן הונגער־יאָר.

און דאָס לאַנד מצרים האָט אָנגעהויבן הונגערן, און דאָס פֿאָלק האָט געשריִען צו פּרעהן: גיב אונדז ברויט.

און פּרעה האָט געזאָגט צו גאַנץ מצרים: גייט צו יוספֿן, און וואָס ער וועט הייסן — זאָלט איר טאָן.

און יוסף האָט געעפֿנט אַלע שפּײַכלערס און האָט פֿאַרקויפֿט תּבֿואה צום פֿאָלק. און פֿון אַלע לענדער איז מען געקומען קיין מצרים צו יוספֿן קויפֿן תּבֿואה, ווײַל דער הונגער איז געווען שטאַרק אויף דער גאַנצער ערד.

— — — — — — — — — — — —

און יעקבֿ האָט געזאָגט צו זײַנע זין: איך האָב געהערט אַז עס איז דאָ תּבֿואה אין מצרים. גייט אַהין און קויפֿט תּבֿואה כּדי מיר זאָלן ניט שטאַרבן פֿון הונגער.

און יוספֿס צען ברידער זײַנען אַוועק קיין מצרים, אָבער בנימינען האָט יעקבֿ ניט געשיקט. ווײַל ער האָט מורא געהאַט אַז עס זאָל אים ניט טרעפֿן קיין אומגליק.

צען ברידער קומען קויפֿן תּבֿואה

און די צען ברידער זײַנען געקומען קיין מצרים קויפֿן תּבֿואה. און יוסף איז געווען שני־למלך אין מצרים און אַלע מענטשן זײַנען געקומען צו אים קויפֿן תּבֿואה.

און אויך די צען זין פֿון ישׂראל זײַנען געקומען צו יוספֿן, און זיי האָבן זיך געבוקט צו אים מיטן פּנים צו דער ערד.

און יוסף האָט דערקענט זײַנע ברידער און ער האָט זיך דערמאָנט אין זײַנע חלומות. אָבער די ברידער האָבן אים ניט דערקענט.

און יוסף האָט זיך געמאַכט פֿרעמד צו זיי און גערעדט צו זיי האַרטע רייד.

און יוסף האָט זיי געפֿרעגט: פֿון וואַנען קומט איר?

און די ברידער האָבן געענטפֿערט: מיר קומען פֿון כּנען קויפֿן שפּײַז.

און יוסף האָט זיי געזאָגט: ניין, אויסשפּירערס זײַט איר. איר זײַט געקומען אויסשפּירן דאָס לאַנד.

און די ברידער האָבן געענטפֿערט:

ניין, מיר זײַנען ניט קיין אויסשפּירערס, מיר זײַנען ערלעכע מענטשן. צוועלף ברידער זײַנען מיר, זין פֿון איין מאַן אין לאַנד כּנען, דער ייִנגסטער איז מיט אונדזער פֿאָטער, און איינער איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן.

און יוסף האָט געזאָגט:

איר וועט מוזן באַווײַזן אַז איר זײַט ערלעכע מענטשן. איך וועל פֿאַרהאַלטן בײַ מיר איינעם פֿון אײַך, ביז איר וועט ברענגען אײַער ייִנגסטן ברודער, און איך וועל וויסן אַז איר זאָגט דעם אמת.

יוסף פֿאַרשפּאַרט שמעונען

און די ברידער האָבן געזאָגט איינער צום אַנ־דערן:

מיר זײַנען אַליין שולדיק אין אונדזער אומגליק, ווײַל מיר האָבן צוגעזען די לײַדן פֿון אונדזער ברודער יוסף און זיך ניט צוגעהערט צו זײַן געבעט.

און ראובֿן האָט צו זיי געזאָגט:

איך האָב אײַך אָבער געוואָרנט אַז איר זאָלט ניט טאָן קיין שלעכטס דעם ייִנגל, און איר האָט מיך ניט גע־פֿאָלגט. און איצט וועלן מיר דאַרפֿן באַצאָלן פֿאַר זײַן בלוט.

און די ברידער האָבן ניט געוואוסט אַז יוסף פֿאַר־שטייט זייערע רייד, ווײַל יוסף האָט גערעדט צו זיי דורך אַן איבערזעצער.

און יוסף האָט זיך אַוועקגעדרייט פֿון זיי און האָט געוויינט. דערנאָך האָט יוסף גענומען שמעונען און אים פֿאַרשפּאַרט פֿאַר די אויגן פֿון זײַנע ברידער.

און יוסף האָט באַפֿוילן אַז מען זאָל אָנפֿילן זייערע זעק מיט תּבֿואה און אומקערן זיי דאָס געלט, יעדנס געלט אין זײַן זאַק. און מען האָט אַזוי געטאָן.

און די ברידער האָבן אַרויפֿגעלייגט די זעק אויף די אייזלען און זײַנען אַוועק פֿון מצרים.

און אין אָוונט האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין וועג. און איינער האָט געעפֿנט זײַן זאַק צו געבן עסן זײַן אייזל. ער זעט — זײַן געלט איז אין זײַן זאַק.

און די ברידער האָבן דאָס געזען און געזאָגט מיט שרעק: וואָס האָט אונדז גאָט דאָ געטאָן?

יעקבֿ האָט מורא צו שיקן בנימינען

און די ברידער זײַנען געקומען צו זייער פֿאָטער יעקבֿ און אים דערציילט אַלץ וואָס האָט מיט זיי געטראָפֿן און זיי האָבן געזאָגט:

דער האַר פֿון מצרים האָט אונדז געהייסן ברענגען אונדזער ייִנגסטן ברודער, און ער וועט וויסן אַז מיר זײַנען ערלעכע מענטשן, ניט קיין אויסשפּירערס.

און ווי זיי ליידיקן אויס די זעק תּבֿואה, זעען זיי — יעדנס געלט איז אין זײַן זאַק. און יעקבֿ און זײַנע זין האָבן זיך דערשראָקן.

און יעקבֿ האָט זיי געזאָגט:

וואָס וועט זײַן? יוסף איז נישטאָ, שמעון איז נישטאָ, און איצט ווילט איר צונעמען בײַ מיר אויך בנימינען. נייִן, בנימין וועט מיט אײַך ניט גיין, ווײַל זײַן ברודער איז טויט, און ער איז געבליבן אַליין. און טאָמער טרעפֿט אים חלילה אַן אומגליק, וועט איר טרײַבן מײַן גראָען קאָפּ אַ טרויעריקן אין קבר אַרײַן.

דערווײַל האָט זיך בײַ יעקבֿן אויסגעלאָזט די תּבֿואה וואָס זײַנע זין האָבן געבראַכט פֿון מצרים. און יעקבֿ האָט געזאָגט צו זײַנע זין:

גייט צוריק קיין מצרים און ברענגט אַ ביסל שפּײַז.

און יהודה האָט געזאָגט:

אויב דו וועסט מיטשיקן בנימינען, וועלן מיר גיין; אַניט וועלן מיר ניט גיין, ווײַל דער מאַן האָט אונדז אָנגעזאָגט: ׳איר זאָלט זיך ניט ווײַזן פֿאַר מיר אָן אײַער יינגסטן ברודער׳.

די ברידער קומען ווידער צו יוספֿן

און ישׂראל האָט געזאָגט צו זײַנע זין: צו וואָס האָט איר דערציילט דעם האַר פֿון מצרים, אַז איר האָט אַ ייִנגערן ברודער?

און זיי האָבן געענטפֿערט: דער מאַן האָט זיך נאָכ־געפֿרעגט אויף אונדזער הויזגעזינד, און מיר האָבן אים דערציילט. פֿון וואַנען זאָלן מיר וויסן אַז ער וועט אונדז הייסן ברענגען אונדזער ברודער?

און יהודה האָט געזאָגט צו זײַן פֿאָטער:

שיק מיט אונדז דאָס ייִנגל, אַניט וועלן מיר אַלע חלילה אויסגיין פֿון הונגער. איך וועל ערבֿ זײַן פֿאַר אים. אויב איך וועל אים ניט ברענגען צוריק, זאָל איך אייביק זײַן אַ זינדיקער פֿאַר דיר.

און ישׂראל האָט געזאָגט:

אויב אַזוי, טאָ נעמט מיט זיך די בעסטע פּרוכטן פֿון לאַנד און ברענגט אַ מתנה דעם מאַן. און טאָפּל געלט נעמט מיט זיך, און קערט אום דאָס געלט וואָס איר האָט געפֿונען אין אײַערע זעק. און נעמט מיט זיך אײַער ברו־דער. און גאָט זאָל געבן אַז דער מאַן זאָל רחמנות האָבן, און זאָל מיט אײַך שיקן אַהיים שמעונען און בנימינען.

און די זין האָבן געטאָן ווי דער פֿאָטער האָט געהייסן. און זיי זײַנען געקומען קיין מצרים צו יוספֿן.

און אַז יוסף האָט געזען בנימינען, האָט ער געזאָגט צו זײַן דינער: פֿיר אַרײַן די מענטשן צו מיר אין הויז. הײַנט וועלן זיי עסן מיט מיר.

בײַ יוספֿן אין הױז

אוּן דער דינער האָט געטאָן װי יוסף האָט אים געהײסן, און ער האָט געבראַכט די ברידער צו יוספֿן אין הױז.

און די ברידער האָבן זיך געשראָקן און געזאָגט:

מען האָט אונדז געבראַכט אַהער איבער דעם געלט װאָס מען האָט אַרײַנגעלײגט אין אונדזערע זעק. איצט װעט מען אָנפֿאַלן אויף אונדז און אונדז נעמען פֿאַר קנעכט.

און זײ זײַנען צוגעגאַנגען צום מאַן, װאָס איז איבער יוספֿס הױז און אים געזאָגט:

זײַ אַזױ גוט און הער אונדז אױס: מיר זײַנען שױן געװען דאָ אײן מאָל און געקױפֿט שפּײַז. און אױפֿן װעג אַהײם האָבן מיר געעפֿנט די זעק, און יעדערער האָט געפֿונען זײַן געלט אין זײַן זאַק. מיר װײסן ניט װער עס האָט אַרײַנגעלײגט דאָס געלט אין אונדזערע זעק. איצט האָבן מיר געבראַכט דאָס געלט צוריק, און מיר האָבן נאָך געלט צו קױפֿן שפּײַז.

און דער מאַן האָט געזאָגט: שלום צו אײַך, האָט ניט מורא. אײַער געלט איז דעמאָלט אַרײַנגעקומען צו מיר.

און דער מאַן האָט אַרויסגעפֿירט צו זיי שמעונען. און דער מאַן האָט זיי געבראַכט וואַסער, און זיי האָבן זיך געוואַשן די פֿיס, און ער האָט אויך געגעבן פֿוטער פֿאַר זייערע אייזלען.

און יוסף איז געקומען אין הויז. און די ברידער האָבן אַרײַנגעבראַכט די מתּנה און האָבן זיך געבוקט פֿאַר אים.

יוסף באַגעגנט בנימינען

און יוסף האָט געפֿרעגט: וואָס מאַכט אײַער אַלטער פֿאָטער? לעבט ער נאָך?

און די ברידער האָבן געענטפֿערט: ס'איז שלום צו אונדזער פֿאָטער. ער לעבט.

און יוסף האָט אויפֿגעהויבן זײַנע אויגן און דערזען זײַן ברודער בנימין, דעם זון פֿון זײַן מוטער. און יוסף האָט געפֿרעגט:

איז ער אײַער ייִנגסטער ברודער? גאָט זאָל דיך בענטשן, מײַן זון.

און יוסף איז גיך אַרויס פֿון דאָרט, ווײַל דאָס האַרץ האָט אים געקלעמט אויף זײַן ברודער און ער האָט געוואָלט זיך צעוויינען. איז ער אַרײַן אין אַן אַנדער צימער און האָט דאָרט געוויינט און ער האָט געוואַשן דאָס פּנים און איז אַרויס צו זײַנע ברידער. און ער האָט געהייסן גרייטן צום טיש.

און מען האָט געגרייט צום טיש. און יוסף האָט אויס־געזעצט די ברידער יעדערן נאָך זײַן עלטער. און די ברי־דער האָבן זיך געוואונדערט. און זיי האָבן געגעסן און געטרונקען און זײַנען געווען פֿריילעך.

און יוסף האָט באַפֿוילן דעם וואָס איבער זײַן הויז:

פֿיל אָן די זעק פֿון די מענטשן מיט שפּײַז. און לייג אַרײַן דאָס געלט פֿון יעדערן אין זײַן זאַק. און מײַן זיל־בערנעם בעכער לייג אַרײַן אין זאַק פֿון ייִנגסטן ברודער.

און דער מאַן האָט געטאָן ווי יוסף האָט באַפֿוילן.

יוספֿס בעכער אין בנימינס זאַק

אין דער פֿרי זײַנען די ברידער אַרויס פֿון שטאָט. זיי זײַנען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, און דער עלטסטער איבער יוספֿס הויז האָט זיי דעריאָגט:

פֿאַר וואָס האָט איר באַצאָלט מײַן האַר מיט שלעכטס פֿאַר זײַן גוטס? פֿאַר וואָס האָט איר געגנבֿעט זײַן זילבערנעם בעכער?

און די ברידער האָבן געזאָגט:

וואָס רעדט דער האַר? מיר האָבן דאָך אַפֿילו געבראַכט צוריק פֿון כּנען דאָס געלט וואָס מיר האָבן געפֿונען אין אונדזערע זעק. און דו גלייבסט אַז מיר וועלן גנבֿענען זילבער אָדער גאָלד?

און די ברידער האָבן גיך אַראָפּגענומען די זעק פֿון די אייזלען, און יעדערער האָט געעפֿנט זײַן זאַק.

און דער עלטסטער איבער יוספֿס הויז האָט געזוכט אין יעדערנס זאַק און האָט געפֿונען דעם בעכער אין — בנימינס זאַק.

און די ברידער האָבן צעריסן זייערע קליידער. און יעדערער האָט אָנגעלאָדן זײַן אייזל, און זיי זײַנען געגאַנגען צוריק.

און די ברידער זײַנען געקומען אין יוספֿס הויז און זיי זײַנען געפֿאַלן פֿאַר אים צו דער ערד.

און יוסף האָט געזאָגט: וואָס האָט איר געטאָן? פֿאַר וואָס האָט איר געגנבעט מײַן בעכער?

און יהודה האָט געזאָגט:

וואָס קענען מיר זאָגן? וואָס קענען מיר רעדן? און ווי קענען מיר זיך פֿאַרענטפֿערן? מיר זײַנען דײַנע קנעכט — מיר און דער בײַ וועמען מען האָט געפֿונען דעם בעכער.

און יוסף האָט געזאָגט: בלויז דער בײַ וועמען מען האָט געפֿונען דעם בעכער וועט זײַן אַ קנעכט, און איר קענט גיין בשלום אַהיים.

יהודה בעט פֿאַר בנימינען

און יהודה איז צוגעגאַנגען צו יוספֿן און געזאָגט:

דערלויב מיר צו זאָגן אַ וואָרט. דו, מײַן האַר, האָסט געפֿרעגט בײַ אונדז, צי מיר האָבן אַ פֿאָטער אָדער אַ ברודער.

און מיר האָבן דיר געענטפֿערט אַז מיר האָבן אַן אַלטן פֿאָטער און אַ ברודער אַ יִינגל, וואָס איז געבליבן אַליין פֿון זײַן מוטער, און דער פֿאָטער האָט אים ליב.

און דו האָסט געזאָגט: 'ברענגט אים אַהער, און איך וועל אַ קוק טאָן אויף אים'. און מיר האָבן דיר געזאָגט אַז דאָס יִינגל קאָן ניט פֿאַרלאָזן זײַן פֿאָטער, ווײַל דער פֿאָטער קאָן חלילה שטאַרבן. האָסטו געזאָגט: „איר זאָלט זיך דאָ ניט ווײַזן אָן יִינגל".

זײַנען מיר געקומען אַהיים און דערציילט אונדזער פֿאָטער דײַנע רייד. און אונדזער פֿאָטער האָט אונדז געזאָגט: 'איר ווייסט, אַז מײַן ווײַב האָט מיר געבוירן צוויי זין. איז איינער פֿאַרצוקט געוואָרן און איך האָב אים ניט געזען ביז איצט. און אירווילט צונעמען אויך דעם. און טאָמער חלילה וועט טרעפֿן מיט אים אַן אומגליק, וועט איר טרײַבן מײַן גראָען קאָפּ אַ טרויעריקן אין קבֿר אַרײַן'.

און איך האָב ערבֿ געווען פֿאַר אים און געזאָגט:
'אויב איך וועל אים דיר ניט ברענגען צוריק, זאָל איך אייביק זײַן אַ זינדיקער פֿאַר דיר'.

און איצט בעט איך דיך: לאָז מיך ווערן אַ קנעכט, און זאָל דאָס יִנגל גיין אַהיים. ווײַל ווי קען איך קומען אַהיים אָן מײַן ברודער און חלילה זען דאָס אומגליק וואָס וועט טרעפֿן מײַן פֿאָטער.

איך בין יוסף!

און יוסף האָט מער ניט געקאָנט זיך איַינהאַלטן און באַפוילן: פירט אַרויס אַלע מענטשן פון דאַנען.

און קיין פרעמדער איז ניט געווען, בעת יוסף האָט זיך געלאָזט דערקענען צו זיַינע ברידער.

און יוסף האָט זיך צעוויינט אויפן קול און געזאָגט:

איך בין יוסף. לעבט נאָך דער טאַטע?

און די ברידער האָבן ניט געקאָנט ענטפערן פאַר שרעק.

און יוסף האָט געזאָגט:

קומט צו נעענטער. האָט ניט קיין מורא. איך בין איַיער ברודער יוסף וואָס איר האָט פאַרקויפט קיין מצרים. און עס זאָל איַיך ניט פאַרדריסן וואָס איר האָט מיך פאַר־קויפט, וויַיל גאָט האָט מיך געשיקט אַהער צו דערהאַלטן מענטשן ביַים לעבן. ניין, ניט איר, נאָר גאָט האָט מיך געשיקט אַהער.

און גאָט האָט מיך געמאַכט פאַר אַ האַר ביַי פרעהן און פאַר אַ שני־למלך איבער מצרים. גייט גיך צום טאַטן און זאָגט אים:

'אַזוי האָט געזאָגט דײַן זון יוסף. גאָט האָט מיך גע־
מאַכט פֿאַר אַ האַר איבער מצרים. קום שוין אַראָפּ אַהער.
און דו וועסט זײַן דאָ אין לאַנד גושן, דו און דײַנע קינדער
און דײַנע אייניקלעך. און איך וועל שפּײַזן דיך און דײַן
הויזגעזינד, ווײַל נאָך פֿינף יאָר וועט דויערן דער הונגער.

און איר זאָלט דערציילן דעם טאַטן וועגן דעם כּבֿוד,
וואָס איך האָב דאָ.

און יוסף איז געפֿאַלן אויף בנימינס האַלדז און האָט
געוויינט. און ער האָט זיך צעקושט מיט אַלע זײַנע ברי־
דער.

מײַן זון לעבט!

און פּרעה האָט געהערט אַז יוספֿס ברידער זײַנען דאָ, און עס איז אים געפֿעלן געוואָרן.

און פּרעה האָט געזאָגט צו יוספֿן:

זאָג דײַנע ברידער אַז זיי זאָלן ברענגען אַהער זייער פֿאָטער און זייערע הויזגעזינדן און איך וועל זיי געבן דאָס בעסטע פֿון לאַנד מצרים און זיי וועלן עסן פֿון פֿעטס פֿון לאַנד. און זע אַז מען זאָל זיי מיטגעבן וועגענער פֿאַר די קליינע קינדער און די פֿרויען. און זאָל זיי ניט באַנג טאָן אויף די זאַכן וואָס זיי וועלן לאָזן, ווײַל דאָס בעסטע פֿון לאַנד מצרים איז זייערס.

און יוסף האָט געטאָן ווי פּרעה האָט אים געהייסן און זיי געגעבן וועגענער און שפּײַז אויפֿן וועג. און ער האָט מיטגעשיקט מיט זיי מתּנות און זיי אָנגעזאָגט: קריגט זיך נישט אויפֿן וועג.

און די ברידער זײַנען אַרויס פֿון מצרים און זײַנען געקומען קיין כּנען צו זייער פֿאָטער יעקבֿ.

און זיי האָבן אים געזאָגט: דײַן זון יוסף לעבט און ער איז שני־למלך אין מצרים.

און יעקבֿן איז קאַלט געוואָרן בײַם האַרצן, אָבער ער האָט זיי ניט געגלייבט.

און זיי האָבן אים דערציילט וואָס יוסף האָט גערעדט און אים געוויזן די וועגענער וואָס יוסף האָט געשיקט. און יעקבֿ האָט אויסגערופֿן:

גענוג, אַבי מײַן זון יוסף לעבט! איך וועל גיין און אים זען איידער איך שטאַרב.

יעקבֿ קומט קיין מצרים

און די קינדער פֿון ישׂראל האָבן אַרײַנגעזעצט אין די וועגענער זייער פֿאָטער, די פֿרויען און די קליינע קינדער. און זיי האָבן גענומען די שאָף און רינדער און דאָס גוטס וואָס זיי האָבן אָנגעקליבן אין כּנען, און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג.

און גאָט האָט זיך באַוויזן בײַנאַכט צו יעקבֿן און האָט אים געזאָגט:

איך בין דער גאָט פֿון דײַן פֿאָטער. זאָלסט ניט מורא האָבן צו גיין קיין מצרים, ווײַל איך וועל דיך מאַכן דאָרט פֿאַר אַ גרויס פֿאָלק און איך וועל דיך ברענגען צוריק פֿון דאָרט.

אין דער פֿרי איז יעקבֿ אויפֿגעשטאַנען און האָט זיך געלאָזט ווײַטער אין וועג. און יעקבֿ האָט געשיקט פֿאָרויס יהודהן צו ווײַזן זיי דעם וועג קיין גושן.

און יוסף האָט אײַנגעשפּאַנט זײַן רײַטוואָגן און גע־פֿאָרן אַנטקעגן זײַן פֿאָטער. און ווען ער האָט אים דערזען, איז ער אים געפֿאַלן אויפֿן האַלדז און האָט לאַנג געוויינט.

און יעקבֿ האָט אויסגערופֿן: איצט קאָן איך רואיק שטאַרבן, נאָכדעם ווי איך האָב דיך געזען אַ לעבעדיקן.

און יוסף האָט געבראַכט יעקבן צו פּרעהן. און פּרעה האָט געפרעגט יעקבן:

ווי אַלט ביסטו?

און יעקב האָט געענטפערט:

די יאָרן פון מײַנע וואַנדערונגען זײַנען הונדערט און דרײַסיק. מײַנע יאָרן זײַנען געווען קאַרגע און שווערע — גאָר אַנדערש ווי דאָס לעבן פון מײַנע עלטערן.

יעקבֿ באַשווערט יוספֿן

און די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען געווען זיבע־
ציק נפֿשות.

און יוסף האָט זיי באַזעצט אין בעסטן טייל פֿון מצרים, אין גושן. און יוסף האָט באַזאָרגט מיט שפּײַז זײַן פֿאָטער, זײַנע ברידער און זייערע הויזגעזינדן.

און די קינדער פֿון ישׂראל זײַנען געזעסן אין לאַנד גושן און האָבן זיך זייער געמערט.

און יעקבֿ איז געזעסן זיבעצן יאָר אין לאַנד מצרים, און ער האָט געפֿילט אַז ער וועט אײַנגיכן שטאַרבן.

און יעקבֿ האָט געהייסן רופֿן יוספֿן און אים געזאָגט:

מײַן זון, אויב איך האָב געפֿונען חן אין דײַנע אויגן, זאָלסטו טאָן מיט מיר אַ חסד און מיך ניט באַגראָבן אין מצרים. נאָר זאָלסט מיך אַרויספֿירן פֿון דאַנען און מיך לייגן מיט מײַנע עלטערן אין זייער קבֿר.

און יוסף האָט געשוואָרן אַז ער וועט אַזוי טאָן.

און נאָכדעם האָט מען אָנגעזאָגט יוספֿן: דײַן פֿאָטער איז קראַנק. און יוסף האָט געבראַכט צו יעקבֿן זײַנע צוויי זין, מנשה און אפֿרים. און יעקבֿ האָט זיך געשטאַרקט און זיך אויפֿגעזעצט אין בעט.

און יעקבֿ האָט דערזען די קינדער און געפֿרעגט: ווער זײַנען זיי?

און יוסף האָט געזאָגט: דאָס זײַנען מײַנע זין.

און יעקבֿ האָט זיי געקושט און געזאָגט צו יוספֿן:

זע, איך האָב זיך ניט געריכט צו זען דײַן פּנים, און גאָט האָט מיר אויך געוויזן דײַנע קינדער.

יעקבֿ אָבֿינו

און יעקבֿ האָט געבענטשט אפֿרימען און מנשהן און געזאָגט:

> דער גאָט וואָס איז געווען מײַן פּאַסטעך
> זינט איך לעב ביז הײַנטיקן טאָג
> און וואָס האָט מיך אויסגעלייזט פֿון בייז,
> זאָל בענטשן די ייִנגלעך,
> און זיי זאָלן זיך מערן אויף דער ערד.

און יעקבֿ האָט גערעדט צו זײַנע זין און האָט יעדערן געבענטשט. און יעקבֿ האָט געזאָגט:

איך שטאַרב. און גאָט וועט זײַן מיט אײַך און וועט אײַך אומקערן אין לאַנד פֿון אײַערע עלטערן.

און יעקבֿ האָט זיי ווידער באַפֿוילן:

באַגראָבט מיך אין דער הייל פֿון מכפּלה וואָס אין לאַנד כּנען — אין פֿעלד וואָס אַבֿרהם האָט געקויפֿט בײַ עפֿרונען. דאָרט האָט מען באַגראָבן אַבֿרהמען און שׂרהן; דאָרט האָט מען באַגראָבן מײַן פֿאָטער יצחק און מײַן מוטער רבֿקה; און דאָרט האָב איך באַגראָבן לאהן.

און יעקבֿ האָט געענדיקט רעדן, האָט אַרײַנגענומען זײַנע פֿיס אין בעט און איז אויסגעגאַנגען.

און יוסף איז געפֿאַלן זײַן פֿאָטער אויפֿן פּנים, געוויינט איבער אים און אים געקושט.

— — — — — — — — — — — — — —

אַזוי האָט געלעבט דער דריטער פֿאָטער פֿון אונדזער פֿאָלק, און מיר ייִדן רופֿן אים יעקבֿ אָבֿינו.

נאָך יעקבֿס טויט

און די טעג פֿון באַוויינען יעקבֿן זײַנען אַריבער, און יוסף האָט אַזוי גערעדט צו פּרעהן:

מײַן פֿאָטער האָט מיך באַשוואָרן אַז איך זאָל אים באַגראָבן אין לאַנד כּנען. לאָז מיך גיין קיין כּנען, און דער־נאָך וועל איך קומען צוריק.

און פּרעה האָט געזאָגט: גיי און טו ווי דײַן פֿאָטער האָט דיך באַשוואָרן.

און יוסף איז געגאַנגען באַגראָבן זײַן פֿאָטער און מיט אים זײַנען געגאַנגען זײַן גאַנץ הויזגעזינד, זײַנע ברידער און זייערע הויזגעזינדן. בלויז די קליינע קינדער און זייערע שאָף האָבן זיי געלאָזט אין גושן.

און אַלע דינערס פֿון פּרעהס הויף זײַנען מיטגע־גאַנגען, אויך רײַטער און רײַטוועגן. און די מחנה איז גע־ווען גאָר גרויס.

און די זין האָבן געטראָגן זייער פֿאָטער קיין כּנען און אים באַגראָבן אין דער הייל פֿון מכפּלה.

— — — — — — — — — — —

און יוסף און זײַנע ברידער האָבן זיך אומגעקערט קיין מצרים. און די ברידער האָבן זיך געטראַכט: אַ־צַט אַז אונדזער פֿאָטער איז טויט, וועט יוסף אונדז אָפּצאָלן פֿאַרן שלעכטס וואָס מיר האָבן אים געטאָן.

און די ברידער זײַנען געפֿאַלן יוספֿן צו די פֿיס און געזאָגט: מיר ווען זײַן דײַנע קנעכט.

און יוסף האָט זיי געענטפֿערט: האָט ניט קיין מורא, איך וועל אײַך קיין שלעכטס ניט טאָן.

— — — — — — — — — — — —

און יוסף איז געבליבן שני־למלך אין מצרים און געטאָן אַ סך גוטס. און ער האָט דערלעבט צו זען אייניקלעך און אוראייניקלעך.